## מזל־טוב

צו דער תנאים פון דער טאָכטער פון אונזער פריינט **אליהו פאלושאק**, **יוליא**, אין ארץ ישראל, ווינטשן מיר אַ האַרציקן מזל טוב.
פריינט פון יידיש לשון

א הארציקן מזל־טוב צו **דר. יעקב מייטליס און פרוי** צו די תנאים פון זייער זון **פעטער** צו **מרים באסקא**.
א.נ. שטענצל

אונזער מיטאַרבעטרין **עלי זילבערג**, וואָס איז אין שפיטאָל, אויף אַן אָפעראַציע, ווינטשן מיר אַ באַלדיקע רפואה שלימה.
לשון און לעבן

פריינט **א. בלום** געפינט זיך אין שפיטאָל, מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.
פריינט פון יידיש לשון

## אויסשטעלונג פון יידישע ביכער

מוצ״ש 7טען מערץ און זונטיק דעם 8טען מערץ, 1959

האלבערן האל א.ס.1

3 רעפעראטן

איינטריט פריי

**די מצבה** פון **יהודה בראונשטיין** וועט געשטעלט ווערן, זונטיק דעם 8 מערץ, 2.30 אויפן מאַרלאָ־ראָד איסט־העם בית־עולם.

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן"

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידעוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פאַמאַכעט דער כעלעמער כאָעט", שמואל ווהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |
| גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון :
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 331) צוואַנציקסטער יאָרגאַנג אַפּריל 1959 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט :

צו דער קאָנפערענץ פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, דאָס שורה־גריזל איז פאַר אונז דאָ, אונזערע יידישע אותיות, עשרה הרוגי מלכות, צום 19׳טן אַפּריל ...... ** 1
גבורה און קידוש השם ביי יידן — דער 19׳טער אפריל ...... אהרן ר. ראַלין 6
אויפן הימל (ליד) ...... ראובן שטרובעל 9
אין רבינ׳ס הויף (אַ קאַפּיטל־זכרונות) ...... א. מייזעלס 10
אביש מייזעלס ע.ה. (נעקראָלאָג) ...... ש. י. האַרענדאָרף 14
אין שפּעטער שעה (ליד) ...... ש. זאַלקין 17
דער צרות־(סועץ) קאַנאַל (דערציילונג) ...... יוסף מאַרקאָוויטש 18
זינג איך מיט (ליד) ...... יוסף הלל לעווי 21
פייגל, פעלזן און כוואַליעס (מיניאַטור) ...... ש. טענענבוים 21
ווייטשעפּעלער־„דערבי" . . . אַזאַ פּסח־באַלאַדע, ערב־פּסח, דאָס געזאַנג פון די שוואַלבן, פרילינג, אַ דערמאָנונג . . . (זלמן שניאור) (באַלאַדע און לידער) ...... א.נ. שטענצל 22
די היסטאָרישע מיסיע פון די נביאים (יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע) יעקב ריכטיגער 27
פרילינג, דו . . . (לידער) ...... שמואל ווהייט 30
די שלום עליכם פאָטאָגראַפיע, „שווער צו זיין אַ ייד", מצוה גוררת מצוה ש. 31
לאָנדאָנער קולטור־ידיעות, שבת נאָכמיטאָגס ...... 32

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS, COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

פריינט פון יידיש־לשון און דער רידינג־רום

אַרדענען איין, זונטיק דעם 19׳טן אַפּריל, 3 אזייגער
אין אַדלער האַל, אַדלער סטר. א.1

**די הזכרה פון ווארשעווער געטא אויפשטאַנד**

אלע פריינט זיין געבעטן צו קומען

---

דער יידישער אַרבעטער־רינג, סילוועסטער סטר. א.8

**די הזכרה פון ווארשעווער געטאַ אויפשטאַנד**

זונטיק, דעם 19׳טן אַפּריל 4 אַ זייגער

---

## פריינט פון יידיש לשון

אין בן־אורי, זונטיק, דעם 19׳טן אַפּריל, 8 אַ זייגער, 14 פּאַרטמען סטר. וו.1

געווידמעט די „חורבן־ליטעראַטור“

רעפעראַט און רעציטאַציעס — איינטריט פריי

---

## סעמינאַר פאַר קולטור און וויסן, ווינטער 1958־59

ביי „פריינט פון יידיש לשון“, אַדלער־הויז, אַדלער סטר. א.1

יעדן מיטוואָך 8 אַזייגער

מיטוואָך, דעם 8׳טן אַפּריל: מאָריס מינדעל
דער יידישער אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע און דאָס ציקל־הויז אין ענגלאַנד

מיטוואָך, דעם 15׳טן אַפּריל: יעקב ריכטיקער
דער קולטור־געראַנגל ביי די נביאים (4׳טע לעקציע)

---

## פריינט פון יידיש לשון

זונטיק דעם 12׳טן אַפּריל, 7 אַזייגער אין אַדלער האָל, אַדלער סטר. א.1
צו דער פירטער יאָרצייט און צום דערשיינען פונם בוך עסייען פון

**יוסף הלל לעווי**

רעדעט איבער שאַפן פונם דיכטער און רעציטאַציעס פון זיינע ביכער

טיי מיט פאַרבייסן — איינטריט פריי

---

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 331) — צוואַנציקסטער יאָרגאַנג — אַפּריל 1959 לאָנדאָן


## צו דער קאָנפערענץ פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס

ליבע חברים, נאכקומען דעם פארלאנג, אויב נישט קענען קומען צום קולטור־קאנגרעס, אייך עפעס אויפשרייבן — איז אביסל איבערן יכולת, ווייל „דברים שבעל פה אי אתה רשאי לומר בכתב“; פשוט דערפאר אויב עס כאפט זיך ארויס א ביטערער „אמת“, קאן מען עס תיכף פארגלעטן מיט דער צונג — רעדן קאן מען גלאט אין דער וועלט אריין! אבער אויפגעשריבן.

ליבע חברים, צי וועלן דען העלפן אלע אונזערע רייד, די שענסטע, די בעסטע, גערעדטע, צי געשריבענע — אין בעסטן פאל וועלן זיי בלייבן די נזם זהב׳ס! — אויב מיר אליין וועלן זיי נישט אויסטראגן מיט מסירת נפש? וויפל אייגענעם נפש מען לייגט אריין אין א זאך, אויף אזויפיל בלייבט עס לעבן!

לאמיר זיך גארנישט איינריידן, ווארים עס איז שוין נישטא ווען איינצורעדן: אלע זיינען שוין אזוי רעאל־פאליטיש זיך באוואוסט, אז אך און ווי איז צו אונז, מיט אלע אונזערע אנשטעלן!

מען נעמט א לעבעדיקן נפש, מען ווערגט אים, מען שטיקט אים, מען שענדט אים, מען לאזט אים אויסגיין — און דאס עקלדיקסטע דערביי: די געמאכטע הועיות, די אנגעשטעלטע, (פון אנגעשטעלטע און אונטערגעשטעלטע „אפישלס“...) מיט הענט ברעכן און גוואלדן: איר זעט, דער נפש עקט זיך, ער גייט אויס —

אלא, פאר אונזער נאציאנאל־פאליטיק אין ישראל, פאר אונזער רעאל־עקזיסטענץ אין גלות איז נייטיק ווידער צו פארלירן (דאסמאל קאלט־בלוטיק און בלוטלאז...) 6,000,000 יידן, און מען מוז מאכן די אנשטעלן, די מיאוסע שטיק — — —

פאר אונז, וואס מיר ווייסן, אז אונזער לשון איז דער דם־התמצית פון אונזער פאלק — ווי די בלוט־גרופע פונם בעל־חי, איז די שפראך די אייגן־ארט פון א פאלק! — פאר אונז, וואס די שפראך, יידיש, איז אונזער לעבנס־עלעמענט, און מיר גייען אפ אין בלוט, ווי מיר וואלטן געזעסן אין מויערן־פארצוימטע געטאס צווישן „יודן־ראטן“, אונטער אייזערנע פארהאנגען צווישן פארביסענע „יעווסעקעס“ — אויף דער אפענער יידישער גאס!

פאר אונז, וואס מיר געדאנקען נאך די אטעם־פארכאפנדיקע פרייד פון שעפערישן יידישן ווארט:

„חרוב זאל ווערן די וועלט!
„און מיר,

„מיר שבתדיקע,
„מיר יום־טובדיקע,
„מיר נשמה־יתירהדיקע יידן,
„ווען איבער אירע חורבות גיין”.

וויפל מאל בלייבן מיר שטיין אין אונזערע נסיונות־פארביטערנישן, אזוי איינזאם אן א ווארט צו ווען אויסצורעדן — צומאל קיין געטא־וואנט נישטא דעם קאפ אין איר צו צעשמעטערן.

וואלט איך דארטן געווען איצט מיט אייך אויף דעם „שבת אחים” פון דער יידישער קולטור, וואלט איך מיך מיט אייך בגילופנדיק פארברודערט אין דעם הייליקן גערודער, מיך געטומלט „אויפן הימל א יאריד”; איך וואלט פארגעסן אין דעם טארג פון דער יידישער ליטעראטור, וואו יעדער פון אונז וויל נאך פארכאפן א בכבודיקן פלאץ אויסצוראמשן אויף הורט און לאחדים דאס לעצטע ביסל, וואס מיר פארמאגן נאך.

מיר האבן שוין נישט יענע פול־געפאקטע טשעמאדאנעס מיט פאלקלאר, מיט סאמעט און זיידנס און פארביקע סטענגעס, פון וואו זיידע מענדעלע האט פון זיי געמאסטן אזוי געוני, אויף צענטימעטער, און שלום־עליכם — אויף אייל און מעטער און גאנצע קילאמעטרעס. מיר האבן שוין נישט יענעם פארטיפטן רעיון „והריחו ביראת ד׳”, וואס פרץ האט אים מצמצם געווען אין יידישלעכן שמעק טאבעק פון קונציקן קארנשקעטעלע.

אלץ איז שוין ווירטואזיש־אפגעשילדערט, אלץ שוין פסיכיש־פארטיפט און וויזיאנעריש־דערבריקט, פון אש, ווייסנבערג־נאמבערג, בערגלסאן־יונה ראזענפעלד, אפאטאשו־גלאזמאן; פון פרוג־ראזענפעלד, יהואש־רייזין, ביז האפשטיין־שטיינבארג־נאדיר־האלפערין, לאנדא־מאני לייב־מינקאוו.

צומאל די לעצטע ביכער אשנס און בערגלסאנס און דאס פראפאגאנדישע ביי מארקישן און פעפער איז דער צידה־לדרך, וואס די געטרייע שפחה יידיש האט צוגעגרייט מיטצונעמען די אוועקלויפערס, — די קריסטלעך ציוויליזירטע און די קאמוניסטישע! אז אין זייערע הערצער זאל כאטש בלייבן א מין ליבשאפט צו זייער גזע און נישט ווערן פאלנע אנטיסעמיטן.

די התגלות פון דער יידישער ליטעראטור איז ממש נישט משיג צו זיין מיטן מענטשלעכן שכל — אז מיט אזא גאנצקייט און שיינקייט מיר זיינען ארויס פון אונזערע שטעטלעך!

און אונזער אויפגאבע איז א שווערע: נישט נאר מוזן מיר זיין דער עכא פון אונזער איכה, נאר מיר מוזן ווייטער קנעטן די ציגל צו אונזער געביי, כאטש מיר האבן נישט מער דאס געמליטשעטע שטרוי פון אונזער קערנדיקן פאלקלאר; די ריח־אסאציאציעס פון יענע היילנדיקע קרייטעכצער, מוז צימצומדיק אויפגיין אין אונזער שרייבן, אין אונזערע אפשפרעכנדיקע שפרוכן.

ליבע חברים, עס טוט מיר אזוי לייד וואס איך בין נישט מיט אייך לייבהאפטיק, חושימדיק אייך ליב צו באקומען, צו שפאצירן מיט יעדן פון אייך אין הארץ פון יידישן ניו־יארק — ווי מיינע אויגן האבן עס גייטיק!



און צום סוף דער גרוס פון אונז דא! מיר זיינען געבליבן „במתי מעט”, אבער „כמו שכתוב” — עס שרייבט זיך נאך! זיכער, ביי בעסערע מעגלעכקייטן, וואלט יעדער פון אונז דא געגעבן פון זיך דאס בעסטע און דער כמות און איכות וואלט געווען א גרעסערער. יא, אדאנק די דריי מנינים יידישע שרייבער, פון בארוף און אמאטארן, האבן מיר נאך אונזער חודש־זשורנאל און די וואכנצייטונג און דאס ביסל קולטור־ארבעט, וואס גייט נאך אן אין אונזער יידישן ישוב דא.

עס וואלט געווען ריכטיק פון מיין זייט אויף יעדן איינעם פון אונזערע חברים דא מיך אפצושטעלן, אינדיווידועל און בפרטיות, ווארים יעדער איינער אויף זיין אופן, ווי א דערציילער, א פאעט, עסייאיסט און פובליציסט־זשורנאליסט, — נאטירלעך יעדער אין זיין דערגרייכונג, אין זיין גראד און מדרגה! — איז א וויכטיקער צושטייער צו דעם ביסעלע, וואס מיר פארמאגן דאך נאך דא.

אבער איך וויל דאך, אז דאס שרייבן די ברכה אונזערע פון דא, אז אייער ארבעט זאל געקרוינט ווערן מיט הצלחה, זאל אייך נאך טרעפן אינמיטן אייער הייליקער ארבעט, וועל איך כאטש דערמאנען די נעמען פון אלע אונז דא ווי אמין געמיינזאמע אונטערשריפט, לויט א״ב: שלמה אויערבאך, מ. אַלמאַן, הערי אריעל, י. ביאלסקי, י. ביעטש, ד״ר ש. בירנבוים, ש. י. גאלדשמידט, משה דאמב, רחל דון־יחיא, ש. י. הארענדארף, מ. הערשמאן, ע. וואַטערמאַן, ש. ווהייט, ש. זאַלקין, י. זאַנטאַג, דוד זיידנפעלד, עלי זילבערג, י. טיגער, מ. מינדל, י. א. ליסקי, ד״ר ש. לעווענבערג, יוסף לעפטוויטש, י. מאַרקאָוויטש, ד״ר י. מייטליס, רחל מירסקי, ר׳ פוקס־היישעריק, י. ל. פיין, יוסף פרענקעל, יהושע פאדרא, אליהו פאַלושאַק, א. מ. קייזער, י. ח. קלינגער, ל. ש. קרעדיטאר, אהרן ראלין, יעקב ריכטיגער, ד״ר א. שטיינבערג, נחום שטענצעל; הרב יהושע שפעטמאן און הרב נתן אַרדמאַן געהערן נאַטירלעך צום אָרטאָדאָקסישן „חדר” — דער ערשטער גיט אַרויס זיינע קונטריסים 2 מאָל אַ יאָר און דער לעצטער איז דער רעדאקטאָר פונם יידישן טייל אין דער אגודה־צייטונג, „די פאָסט”.

## דאס שורה-גריסל איז פאר אונז דא

אויב איך בין נישט געפאָרן צום קאָנפערענץ פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, איז נישט נאָר מחמת די שוועריקייטן פון די הצאות; דאָס אויך, נאָר בעיקר, ווייל איך האַלט, אַזאַ יישוב, וואָס האָט צומאָל נישט קיין איין יידיש־וועלטלעכע צוגאָב־שול, קיין טעגלעכע צייטונג איז נישט באַרעכטיקט, פשוט נישט ראוי, אָפיציעל טייל־צונעמען אין אַזאַ מין קאָנפערענץ. איי וואָס מען האָט אונז איינגעלאַדן? איז עס זיכער מחמת דעם יידישלעכן מנהג, „כדי שלא להתבייש”.

און איז דאָס נישט קיין שאַנד אין פנים? די זונטיק שול ביי אַרבעטער רינג בידיים געלאָזן אונטערגיין, און די יידישע צייטונג צעבראָכן און די אותיות אויף שמעלץ־פאַרקויפט, כדי ס׳זאָל חלילה נישט זיין קיין מעגלעכקייט, אַז זי זאָל נאָך קאָנען אויפשטיין תחית המתים.

## אונזערע יידישע אותיות

צו דר. סלאָוועס 17 שפּאַלטיקע „פּערטיידיקונג" אין „די יידישע קולטור"

מילא אַז אין ק"ק לאָנדאָן מען צעברעכט אַ צייטונג,
און די יידישע אותיות מ'פאַרקויפט אויף אַלט־אייזן,
האַנדלען דאָך דאָ יידן מיט ביינער און מיט שמאַטעס,
אָבער מאָסקווע, אין לאַנד פון באַפרייאונג און דערלייזן.

אפשר די אלמנות פון בערגעלסאָן און מאַרקיש,
זיי קענען דעם מאָרד פון זייערע מענער פאַרגעבן,
אָבער „באשר הוא שם", פאַרן שענדלעכן טויט,
פון דער שפחה יידיש — איז אַ לעבן פאַר אַ לעבן!

די באַפרייאונג פון פּראָלעטאַריאַט, די דערלייזונג — —
און וואָס איז אַ שפחה? און ווער האָט יידיש געלעזן?
מיר די דערנידריקטע־באַליידיקטע, די שוואַכסטע,
ווי גלויביק, ווי האָפערדיק מיר זיינען דאָס געוועזן.

אויב „עבד כי ימלוך" און די שווערד בלייבט די זעלבע,
און נישט איבערגעשמידט זי ווערט אין אַן אַקער אייזן,
וועלן זיך ווידער אונזערע אותיות פורחות,
אין „מנא תקל"ס אויף ווענט ברענענדיק באַווייזן.

## עשרה הרוגי מלכות

ווי זיי שטייען מיר אזוי דייטלעך פאַר די אויגן:
בערגעלסאָן, בראש — רוקן אַביסל געבויגן.
דיין לאָקן־גלאָקן־קאָפּ, מאַרקיש, שטאַלץ אויפגעהויבן,
ווי עניוותדיק קוויטקאָ דיין בליק פול מיט גלויבן.

מיכאל'ס ביי זיין עבודה — אַ כהן־גדול!
ווען שימעלע סאַראָקער פעדעמסט איין די נאָדל,
לפני־ולפנים דיין האַרץ הייליק צו באַווייזן —
שטייסט אין גאָט'ס תפילין־„מי כעמך" שער און אייזן!

און קולבאַק און כאַשין און שטיף און ער, דער ניסתר,
וווּנדערלעך ווי געוואַקסן אין אַ וועלט אַ וויסטער;
אַ קונץ, אויף ווינק אַ „זשיוואַגאָ" וואַגן צו ווערן — —
אָבער צו די הרוגי מלכות צי געהערן?

אַז תמיד צווישן טויט און פעררעט אויסצוקלייבן — —
ערשט מיט אייך געאייביקט ס'וועט בלייבן אונזער שרייבן!
אָ, די זכיה געהאַט אַלעמען אייך צו קענען,
האָפּשטיין, נאָך שפּיר איך דיין קוש אויף מיין שטערן ברענען.



און זיין עס וועט ווי אין דער לעגענדע, אינגאַנצן,
מיט דיין קאָפּ אין די הענט וועט מאַמע, לשון, טאַנצן:
אַז אויך דו, פעפער, דעם נסיון האָסט באַשטאַנען,
און אין דיין פיין גאַנץ אַן עולה ביזט אויפגעגאַנטען.

## צום 19-טן אפּריל

זעקס מיליאָנען בנערינו ובזקנינו,
צו דער שחיטה ווי די שעפסן אונז געטריבן;
און די גסיסה־יסורים, די מאוסע בזיונות,
פון די צום לעבן געוואָרן אויסגעקליבן.

אויב אַ שטן פאַראַן, בלויז ער געקאָנט משיג זיין,
גאַז־קאַמערס, געפּאַקטע, מיט פאַרהאַקטע טירן — —
ווי ס'ציטערן די פעלקער איצט — געשווירענע שאָף,
פאַרן טאָג, איינס ס'אַנדערע צו „ליקווידירן".

וואָס פאַרשטייען נעבעך די רוצחים: „שן תחת שן",
ווייסן זיי וואָס אונזערע חכמים טייטשן? . . .
בלייבט טאַקע שטיין די וועלט אין זכות פון די קדושים,
און מיר נעמען דאָס „ממון"־געלד פון די דייטשן.

גאָט, „אשמנו מכל עם, בושנו מכל דור", בלויז,
אויב אַזאַ במזיד־פערברעך קענען פאַרגעבן — — —
הייליק געקוילעטע, אויף אַש גאַנץ געולהטע,
בלויז פול מיט זינד, מיר געבליבענע ביים לעבן.

## צום חרוב-ווערנדיקן ווייטשעפל

19'טער אַפּריל 1959

צו אונזערע שטעטלעך מען וועט דיך ווייטשעפּל צו רעכענען,
מיר, צו די קדושים, ווער ווייס צי מיר וועלן געהערן;
די שטעטלעך ביי זייערע נעמען, ווען מען וועט אויסרעכענען,
דיין נאָמען ווייטשעפּל צווישן זיי מען וועט אויך דערהערן.

הייליק ווי זיי דו וועסט בלייבן, אָבער מיר, דיינע באַוווינער — — —
נישט נאָר דיך — זיך אַליין געהאָלפן מיר האָבן צעשטערן!
„תמות־נפשי"־העלדן, „פּלישתים"־גבורים שאַנד־באַגראָבענע,
אונטער חורבה־מויער — קענען זיי קדושים נאָך ווערן?!

אונזערע טאַטעס אין די ברענענדיקע שטעטלעך נישט זיך —
געראַטעוועט הייליקייטן מיט זייער בלוט און טרערן;
מיר, פון די פלאַמען אַרויס, וואָס ראַטעווען מיר? די בעזעמער!
ווי דאָס לעצטע, חלילה, פון דער ערד זיך אויסצוקערן.

אהרן ר. ראלין

## גבורה און קידוש השם ביי יידן — דער 19'טער אפריל

און דער יידישער געשיכטע פאר די לעצטע, אומגעפער, 2 טויזנט יאר האבן מיר געהאט גאר א סך פאלן פון יידישער גבורה, פון יידישן מוט און קידוש השם.

מיר דערמאנען מיט יראת הכבוד די העלדישע פארטיידיגונג פון דער פעסטונג מסדה אין יאר 73, ד.ה. מיט כמעט 19 הונדערט יאר צוריק. ווען די רוימער האבן שוין פארכאפט דאס גאנצע לאנד יהודה מיט איר הויפשטאט ירושלים האבן זיי זיך ארויפגעווארפן מיטן גאנצען כוח אויף דער איינציק פארבליבענער יידישער פעסטונג וועלכע האט זיך העראיש פארטיידיקט פאר אַ לאנגע צייט. ווען דער קאמאנדיר פון פעסטונג, אליעזר בן יארי, האט געזען אַז די רוימער האלטן שוין ביים דורכברעכן די ווענט, האט ער געראטן די פארטיידיקער בעסער זיך אליין פארניכטן איידער ארייננצופאלן צום שונא און די הענט.

דאס האבן זיי געטאן. ווען די רוימער זיינען אריין אין פעסטונג האבן זיי געפונען איבער 900 טויטע קערפערס. בלויז צוויי פרויען וועלכע האבן זיך אויסבאהאלטן דארט זיינען פארבליבן לעבעדיק.

מיר גייען גלייך אריבער צו אַן ענלעכן טראגישן און העראישן פאל וואס האט פאסירט מיט עלף הונדערט יאר שפעטער דא אין ענגלאנד אין יאר 1190.

דאָס איז געווען באלד נאך דער קרוינונג פון ריטשארד דעם ערשטן אלס קעניג פון ענגלאנד. דורך פארשידענע סיבות האבן זיך באלד אנגעהויבן בלוטיקע פאגראמען אויף יידן אין לאנדאן אין אנדערע דרום ענגלישע שטעט. די פאגראם כוואלע האט זיך באלד אריבערגעטראגן אין דער צפון שטאָט יאָרק וועלכע איז דאמאלסט געווען די צווייטע גרויסע שטאט אין ענגלאנד נאך לאנדאן, און האט געהאט א באדייטנדע יידישע קהילה.

ווען דער פאגראם האט זיך דארט אנגעהויבן האבן די גרעסטע צאל יידן זיך ארייננגעכאפט אין קליפארד טורעם פון דער יארקער פעסטונג און פון דארט זיך פארטיידיגט אַ געוויסע צייט קעגן זייערע אטאקירער.

ווען די יידן האבן שוין מער ניט געקענט זיך באשיצן, האט דער רב פון יארק, הרב יום טוב, מיט דער צושטימונג פון ראש הקהילה ר' יוסף אויך געראטן די פארזאמעלטע פונקט ווי אליעזר אין מסדה, בעסער זיך אליין צו פארניכטן אוידער ארייננצופאלן אין די הענט שונאים און רוצחים. די קהילה האט צוגעשטימט און הרב יום טוב און ר' יוסף זיינען געווען די ערשטע דורכצופירן די שחיטה אויף זייערע אייגענע פאמיליעס, און ווען אלע אנדערע האבן זיי נאכגעטאן האבן זיי זיך אליין דערשאכטן. אזוי זיינען אונטערגעגאנגען איבער 500 יידן מיט זייערע פרויען און קינדער און דער אלטער ענגלישער שטאט יאָרק.

מיט א פאר יארהונדערט שפעטער הויבט זיך אן די שרעקלעכע אינקווי־



זיציע אין שפאניען, פארטוגאל און אנדערע לענדער דורך וועלכע צענדליקער טויזנטער יידן זיינען געמאטערט געווארן און געליטן די גרעסטע פורעניות און געלאזן זיך פארברענען לעבעדיקערהייט אויף די אטא־דע־פעס אבער ניט אפגעזאגט זיך פון זייער אמונה, זייער יידישקייט און זייער מענטשלעכע ווירדע.

אין די לעצטע עטלעכע הונדערט יאר ביז דעם היטלער חורבן האט די גרעסטע און אקטיווסטע טייל פון יידישן פאלק זיך קאנצעטרירט אין מזרח אייראפע. אויך דארטן זיינען די יידן געווען פארפאלגט און פאגראמירט אויף אַ שרעקלעכן אופן און אויך דארטן האבן זיי אפט ארויסגעוויזן מיט און גבורה אין פארטיידיגונג און אינטערגאנג על קידוש השם.

די גרעסטע רציחות אויף די יידן אין אוקראינע, פוילן און ליטע האט דורכגעפירט דער צורר היהודים באגדאן כמעלניצקי מיט זיינע האידאמעקעס — קאזאקן. אין די צען יאר פון 1648 ביז 1658 האבן די רוצחים חרוב געמאכט הונדערטער בליענדיקע יידישע ישובים און דערמארדעט כמעט א האלבן מיליאן יידישע נפשות. די רציחות זיינען באקאנט אין דער יידישער געשיכטע אלס גזירת ת"ח־ות"ט.

די פאגראמירטע יידן פון יענער צייט האבן אין אַ סך פלעצער געמאכט א העלדישן ווידערשטאנד קעגן כמעלניצקי'ס מערדערישע באנדעס.

ספעציעל איז באקאַנט זייער פארביטערטער קאמף אין ניעמיראוו וואו 6,000 יידן זיינען דערהאַרגעט געווארן. אין טולטשין האט מען די יידן צוגעזאגט צו שיינקן דאס לעבן אויב זיי וועלן זיך שמד'ן, אבער זייערע פירער האבן צוריקגעווארפן דעם אנבאט, און איבער א טויזנט יידישע נפשות האבן זייער לעבן פארלארן.

און אנהויב פון איצטיקן יארהונדערט ווען די צארישע רעגירונג האט ארגאניזירט פאגראמען אין שחיטות אויף יידן, האבן די רוצחישע באנדעס אין סך ערטער באגעגנט א שטארקן ווידערשטאנד פון די יידישע זעלבסטשוץ. יידישע יוגנט פון פארשידענע פארטייען און פאלקס מענטשן האבן מוטיק געקעמפט קעגן די רוצחים און א סך זיינען ווי העלדן געפאלן אין שלאכט פארטיידיקנדיק יידישע לעבנס און יידישן כבוד.

עס זיינען אויך געווען אינדיווידועלע אקטן פון נקמה קעגן די וואס האבן פארגאסן יידיש בלוט און געשענדעט די יידישע ווירדע.

אזוי האט אן אַרבעטער הירש לעקערט אין 1902 געשאסן אויף דעם ווילנער גענעראל גובערנאטאר פאָן וואַל פאר באליידיקן דעם כבוד פון יידישע ארבעטער ווען ער האט באפוילן צו שמייסן פאר'ן אנטייל נעמען אין ווילנער ערשטער מאי דעמאנסטראציע. דער ארעסטירטער הירש לעקערט האט געקענט ראַטעווען זיין לעבן דורך בעטן מחילה פאר זיין אקט, אבער ער האט צוריקגעווארפן דעם אנבאט און געשטארבן ווי א העלד.

אזוי אויך האט שלום שווארצבארד, אַ יידישער ארבעטער דיכטער, דערשאסן אין אַ פאריזער בולוואר דעם פאגראם אנפירער פעטליורא וועלכער איז

געוועז פאראנטווארטלעך מיט זיינע מערדער באנדעס פאר די בלוטיקע פאגראמען אין אוקראינע אין די יארן 1919־1925 ווען ארום 150,000 יידן האבן פארלארן זייערע לעבענס. דאס געוויסן פון גרויסן פראנצויזישן פאלק האט שלום שווארצבארדן באפרייט פאר זיין נקמה אַקט.

אט נאך די אויבן דערמאנטע און אסך אנדערע פאלן פון יידישן מארטירערטום און העלדישקייט מיט וועלכע אונדזער געשיכטע איז אזוי אנגעפילט קומען מיר צו די גרעסטע מאניפעסטאציע פון יידישן העלדנמוט און קרבנות גרייטקייט פון די קעמפער אין ווארשעווער געטא אין זייער אויפשטאנד וואס האט זיך אנגעהויבן דעם 19׳טן אפריל 1943.

די עטלעכע צענדליק טויזנט געבליבענע אין דער ווארשעווער געטא פון אלע פארטייען אלט און יונג, מענער און פרויען האבן אין יענעם טאג אויפגעהויבן די פאן פון קאמף און ווידערשטאנד קעגן די מעכטיקסטע און ברוטאלסטע באוואפנטע מאכט וואס איז ווען געווען. די מערדערישע נאצי ארמייען האבן בלויז אין משך פון טעג און וואכן צושטערט און פארכאפט אסך שטעט און לענדער און געהאלטן כמעט גאנץ אייראפע אין זייערע בלוטיקע לאפעס.

די קעמפער פון דער ווארשעווער געטא זיינען געווען פיזיש אפגעשוואכט, האבן געהאט ווייניק געווער און ווייניק מיליטערישע קענטניס. זיי האבן געוואוסט פון אנהויב אז זיי קענען ניט פיזיש באזיגן די שווער באוואפנטע גרויסע און ברוטאלע נאצישע ארמייען, דאך האבן זיי אנגעפירט א פארביטערטן אין העלדישן קאמף וואס האט געדויערט גאנצע זעקס וואכן צייט ביז אלץ אין אלע אין דער געטא זיינען חרוב געווארן. די גבורה וואס די געטא קעמפער האבן ארויסגעוויזן איז גאר ניט צו באשרייבן. יינגלעך און מיידלעך, און אפילו 10־11 יאריקע קינדער ווען זיי זענען שוין געווען פארוואונדעט האבן זייערע פאזיציעס ניט פארלאזן. בלוט האט זיך פון זיי געגאסן, אבער זיי האבן געקעמפט מיטן דייטש אין פארגאסן זיין בלוט.

די פאליאקן ארום דער געטא זיינען געווען איבעראשט און אויפגערודערט פון דער יידישער גבורה. עס איז פאר זיי געווען אומגלויבלעך: יידן דערהרגענען דייטשן, און אט דערציילט איינער אז ער האט אליין געזען ווי מען האט פון דער געטא ארויסגעפירט צענדליקער טויטע דייטשן און אפשר הונדערטער פארוואונדעטע.

די איבעראשונג איז אויך געווען פאר די דייטשן. דער נאצי גענעראל סטראָפּ וועלכער איז מיט אַ גרויסע ארמיי, באוואפנט מיט אלערליי געווער געשיקט געווארן צו ליקווידירן דעם געטא אויפשטאנד שרייבט אין איינעם פון זיינע אפיציעלע באריכטן אז „ניט געקוקט אויף דער סכנה פארברענט צו ווערן האבן די יידן באשלאָסן זיך צוווארפן גיכער אין די פלאמען איידער זיך אונדז אונטערגעבן. די יידן האבן אָן אויפהער באנייט די שיסעריי ביזן סוף פון דער אקציע, אויך אנדערע דייטשע באריכטן באשטעטיקן דאס זעלביקע.

די גבורה און קרבנות גרייטקייט פון קעמפערס אין דער ווארשעווער געטא, און אין אנדערע קלענערע געטאס אין פוילישע און ליטווישע שטעט,



שטראלן ארויס ווי א ליכטיקער שטערן אין דעם פינצטערן הימעל פון אונדזער גרויסן חורבן אין דער היטלער פעריאדע ווען זעקס מיליאן יידן — א דריטל פון אונדזער פאלק — זיינען פארניכטעט געווארן.

די געטא מארטירער זיינען געשטארבן פארטיידיקנדיק מיט שטאלץ און ווירדע דעם יידישן כבוד, די מענטשלעכע חשיבות און געפאלן אלס קרבנות פארן קיום פון יידישן פאלק.

דער 19טער אפריל מוז און איז שוין אריין אין אונזער לוח אלס איינער פון די טראגישע אבער, אין דער זעלבער צייט, דערהויבנסטע טעג אין דער מאדערנער יידישע געשיכטע.

די יזכור פארזאמלונגען אויף וועלכע מען דערציילט וועגן די גבורה און קידוש השם פון די געטא מארטירער דארפן העלפן צו פארשטארקן דעם יידישן גייסט און די יידישע פאזיציעס אויף אלע געביטן אין אלע לענדער וואו יידן געפינען זיך.

---

ראובן שטרובעל

## אויפן הימל

זיי וואַכן אויף גאַנצע מחנות פונם ווייסן שלאָף —
פאַרוואַרטע פון צווישן שלייערן און וועלאָנען.
די זאַיאָרטע מיט פאַרוואָלקנטע ברעמען,
די זקנים מיט די דרך־ארצדיקע בערד —
פאַרקלערטע, פאַרביטערטע, און נעמען וואַנדערן
האַסטיק — וועג איין, וועג אויס.

פון זייערע שטרענג אַנטשלאָסענע בליקן
טריפט דער שטומער צער אַראָפּ אויף דער ערד —
פאַראבלטע טרערן וואָס בלאָנקען אויף אָפענע טראַקטן
און קאָנען קיין קברים ניט געפונען.

קברים שוועבן אין די לופטיקע, אָן־סופיקע ספערן
טיפט דעריבער דער אַש־גרויער טרויער נאָך קדושים,
אויסגעשפיגענע דורך פייער וואָס האָבן דערלייזונג,
פון זייער פיין אין טויט געפונען.

און קדיש ווערט געזאָגט צום פוסטען חלל,
וואָס ווייטיקט אויס יסורים אָנגעטוענע דורך רוצחים. —
ס׳אייביקט אין אונדזערר הערצער
אַ נר־תמיד פון האַס . . .

## א. מייזלס

# אין רבינ׳ס הויף *

דער קייזער אין שטעדטל אין געווען דער „פּאָסטן־פירער“ פון די זשאַנדאַרן. זיין ראַנג איז געווען פון אַ „סאַרזשענט“. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדינט 12 יאָר אין מיליטער און גערעדט אַביסל דייטש, האָט מען אים איבערגעגעבן די זשאַנאַדרן סטאַציע אין אַ קליין שטעדטל. אַ חוץ צו היטן די געגענט און שטאָדט פון פאַרברעכנס, האָט ער אויך אַכטונג געטון, אַז פאַר יעדנס טיר זאָל זיין ריין, מען זאָל נישט אויסגיסן דעם פּאָמאָשאָף וואַסער אין מיטן גאַס ובפרט, אַז זונטיק זאָלן די געוועלבן זיין פאַרמאַכט ביז די גוים גיין אַרויס פון קלויסטער. אָט די השגחה איז געווען דאָס ערגסטע אומגליק. מען פלעגט דעם קונה אַריינלאָזן דורך דער הינטער טיר, אָבער אַמאָל האָט דער זשאַנדאַר זיך נישט געפוילט אַריינצוקוקן דורך דער אונטער טיר. דער סוף איז געווען: אַ פּראָטאָקאָל, שלעפּן אין געריכט און אַ געלט שטראָף.

ווען עס איז געקומען אַ נייער „פּאָסטן־פירער“, איז געווען בלויז איין פראַגע: וועט ער זיין אַ נעמער (שוחד) אָדער אַ געבער (שטראָף)? דער ערשטער וואָס האָט זיך מיט אים באַקענט איז געווען משה דעם פעטער יאָסי׳ס, אַ זייגערמאַכער. זיין געוועלב איז געווען נישט ווייט פון דער „פּאָסטן־קאָמאַנדאַטור“ און משה פלעגט שטיין אויף וואַך און וואַרטן, אַז דער נייער קאָמאַנדאַנט זאָל אַדורכגיין. משה׳ס געוועלב האָט געהאַט אין פענסטער אויסגעהאָנגען די שענסטע זייגערלעך, קייטלעך, אוירינגלעך, ברילן, צוויקערס. אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס ערשטע וועט זיך דער „פּאָסטן־פירער“ אָפּשטעלן ביי משה׳ס פענסטער און משה איז שוין געווען באַאויפטראַגט פון די קרעמער, אַז ער זאָל דעם נייעם „פאַרשוין“ טובל זיין.

עס האָט נישט גענומען קיין דריי טעג און דער „פּאָסטן־פירער“ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר משה׳ס פענסטער, כדי זיין זייגערל אָנצושטעלן אויף ריכטיקער צייט. עס איז ביי אונדז געווען „באַן־צייט“ און „שטאָדט־צייט“. שטאָדט־צייט איז געווען גערוקט מיט אַ שעה. ווען משה האָט אים דערזען האָט ער אים פיין באַגריסט און אים געפרעגט, אויב זיין זייגערל גייט נישט ריכטיק און טאַקע באַלד אַריינגעבעטן אים אינווענינג און אים געוויזן אַ גוט זילבערן זייגערל, גאַראַנטירט אויף פינף יאָר און אויב ער וויל האָבן אַ זייגערל אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, ראַט ער אים אַז ער זאָל דעם דאָזיקן זייגער נעמען און ווען דער „פּאָסטן־פירער“ האָט איינגעווענדט, אַז ער האָט איצט נישט קיין געלט, אָט דאַמאָלס איז געווען דער שעת הכושר און נישט נאָר האָט ער אים געגעבן דאָס זייגערל, נאָר ער האָט אויך געהייסן אים אויסקלויבן אַ מתנה פאַר זיין פרוי, און וועגן צאָלן זאָל ער זיך לגמרי נישט זאָרגן, אם ירצה השם „כשירחיב“ . . .

* דאָס קאַפּיטל־זכרונות האָט א. מייזעלס ע.ה. נאָך אַריינגעשיקט צום דרוקן, איינקע טעג איידער ער איז געשטאָרבן.—ד.ר.



זייט דער צייט האָט דער „פּאָסטן־פירער“ נישט געזען אַ סך זאַכן, וואָס אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער יאָ געזען. טיילמאָל האָט דער דאָזיקער פאַרשוין צו אָפּט עפּעס באַדאַרפט. די דאָזיקע חברה האָבן זיך אָנגעזעצט ווי פּיאַווקעס אויפן שטעדטל. עס איז אָבער נאָך ביטערער געווען, אַז דער חברהמאַן איז געווען אַ „נקי־כפים׳ניק“. אָבער דאָס האָט זעלטן געטראָפן. אַלע האָבן גענומען, ווער מער, ווער וועניקער.

אַ חוץ וואָס מיר האָבן מורא געהאַט פאַר אַ שייגצל, אַ הונט און אַ פּאָליציי־ניק, איז דאָס שטעדטל געווען אונדזערס. קיין שום גוי האָט נישט געוווינט אין שטאָדט. מיינע חברים שיע און פּיני, די קינדער פון שמואל גבאי, האָבן געוווינט אין דער גויעשער גאַס. זיי האָבן געהאַט אַ שיין הויז מיט אַ גאָרטן, אַז איך האָב באַדאַרפט צו זיי גיין אין אַ שבת נאָכן עסן, זיינען געווען צוויי וועגן. איינער אַ גלייכער וועג און דער צווייטער, אַ אויסגעטרעטענע סטעשקע אין אַ משופּע׳דיקן באַרג אַראָפּ, וואָס בשעת נאָך אַ רעגן האָט מען געקאָנט צען מאָל פאַלן. דער חסרון פון ערטשן וועג איז געווען, וואָס דאָרט האָט געוווינט סטעפּאַניק דער פּאָליציייניק און זיינע צוויי „שרצים“, וועלכע האָבן, אַ חוץ שטיינער וואַרפן, אויך אָנגעגרייט זייערע צוויי קליינע הינטלעך און אָט די הינטלעך האָבן געהאַט אַ טבע, ראשית צו געוואַלדעווען והשנית צו באַגלייטן אַ לאַנג שטיק וועג און דער עיקר האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרטראָגן אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע. מיינע חברים, שיע און פּיני, האָבן מיט זיי געלעבט אין שלום. זיי האָבן יעדן שבת זיי אונטערגעקויפט מיט אַ שטיקל ווייסע חלה. וואָס זאָל מען טון? מען איז דאָך ביי זיי אין גלות.

דעם גלות אין שטעדטל האָבן מיר לייכט דערטראָגן און וואָלט נישט געווען דער זשאַנדאַר, אָדער פּאָליציייניק, וואָלטן מיר איבערהויפּט נישט געוואוסט אַז מיר זיינען אין גלות. דער ריכטער און אַדוואָקאַטן זיינען געווען יידן. דעם אוקראַינישן דאָקטאָר האָט קיינער נישט גענוצט. זיינען געבליבן בלויז די עטלעכע שבת־גוים, און זיי מוז מען דאָך האָבן אין שטעדטל.

איך דערמאָן זיך אין אַ כ״א כסלו, דער יום הולדת פונת רבין, וועלכער איז אויסגעפאַלן אין אַ פרייטיק. אויף אַזאַ טאָג זיינען זיך געוויינטלעך צונויפ־געקומען די גרויסע חסידים פון דער פרעמד און דאָנערשטיק אָוונט האָט מען געמאַכט אַ סעודה אין קלויז. מען האָט געבראָטן גענדז, ביר און בראָנפן לרוב, און באַלד נאָך מעריב האָט מען זיך געזעצט צום טיש.

צווישן די גרויסע חסידים פון קאָפּיטשיניצער רבין איז אויך געווען אַ חסיד, וועלכן מען האָט גערופן משה ראובן שכור. דער נאָמען שכור איז געווען ביי אים אַן ערן טיטל, ווייל וויפיל ער האָט נישט געטרונקען, איז ער אַלץ געווען ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. ביי אַ גרויסער שמחה אין הויף האָט ער זיך אָנגעטון אַ גויעשן שאָפּענעם פעלץ אויף דער לינקער זייט מיט אַ גויעשער קוטשמע, געזונגען און געטאַנצט אַ „בער“.

אין מערב זייט פון קלויז איז געווען דער אַריינגאַנג. אַ גאָר גרויסע טיר איז געווען צוטיילט אויף צוויי, מחמת איר גרויסקייט און שווערקייט. פון ביידע

זייטן טיר זיינען געשטאַנען צוויי „הרובעס", וועלכע האָבן ווינטער געברענט טאָג ווי נאַכט. דער מרחק צווישן ביידע אויבענס איז געווען זיכער דריי מעטער און אפשר גאָר פיר מיט אַ שמיץ . . . און ווען משה ראובן האָט זיך צוטאַנצט, פלעגט ער אַרויף אויפן אויבן און טאַנצנדיק איז ער געשפרונגען פון איין אויבן אויפן אַנדערן.

ביי דער דאָזיקער סעודה לכבוד דעם רבינס „יום הולדת", ווען דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט צו די טישן, האָט מען דערלאַנגט דעם באָרשט. אַזוי ווי יידן זיינען חלילה נישט קיין פרעסערס, האָט מען זיך נישט געאיילט. מען האָט קודם געטרונקען לחיים. נישט קשה, באָרשט איז גוט אפילו ווען ער איז אַביסל קילער. משה ראובן האָט אָבער נישט געוואָלט וואַרטן און אָנגענומען אַ פולן לעפל און ווען ער האָט געטון אַ שלינג, האָט ער זיך פאַרברענט די צונג. דער באָרשט איז נעמלעך געווען זער פעט, איז פון אים קיין פאַרע נישט געגאַנגען. משה ראובן ווישט זיך אָפ דאָס מויל און רופט אויס הויך אויפן קול: „יידן, עסט! דער באָרשט איז קאַלט. . . ."

דער רבי איז גראָד דאַמאָלס געווען עטלעכע וואָכן אין סטאַניסלאַוו און ער האָט באַדאַרפט אַהיימקומען דעם דאָזיקן פרייטיק. די באַן פון סטאַניסלאַוו איז אָנגעקומען פיר פאַרטאָג. די חסידים האָבן געבראַכט די שטעטלדיקע מוזיק און מען האָט געטאַנצט און געזונגען אַ גאַנצע נאַכט און פאַרטאָג איז מען געגאַנגען ביז צו דער באַן־סטאַנציע מיט געזאַנג און מוזיק. פרייטיק האָט מען פרי אָפגעדאַוונט און די שמחה האָט ווידער אָנגעהויבן. אַ חסיד פון בוטשאַטש, אַ באַנקיר, האָט צוריסן אַ פאַפירן פינפערל און געגעבן איין העלפט דער מוזיק, אַז זיי זאָלן אַזוי לאַנג שפילן ביז ער וועט זיי געבן די אַנדערע העלפט.

די קלעזמער פון קאָפּיטשיניץ זיינען געווען די בעסטע אין דער גאַנצער געגנט, און נישט נאָר אין דער געגנט, נאָר מ'קאָן זאָגן אין גאַנץ מלכות עסטרייך. די גאַנצע קאַפעלע איז באַשטאַנען פון אַן איינציקער משפחה מיט איין אַרויסהעלפער. דער פאָטער, משה'לע קלעזמער, אַ קליין גראָבטשיק יידל מיט אַ רויטער באָרד, וואָס האָט געוואָקסן אין דער ברייט, האָט געשפילט פידל. דער עלטסטער זון, הערש לייב, האָט שפילט פלייט; דער צווייטער זון, מאיר, האָט אויך געשפילט פידל; אַלטער האָט געשפילט דעם באַס; דער מוזיניק האָט געקלאַפט מיט די מעשענע טאַצן, און ביי אַ באַזונדערע געלעגנהייט האָבן זיי פון טשאָרטקוב אַראָפגעבראַכט אַ טרומייטער, וועלכער האָט געשפילט — אַזוי האָט ער געזאָגט — אין אַ מיליטערישער קאַפעליע און אַמאָל איז אים אויסגעקומען צו שפילן פאַרן קייזער פראַנץ יאָזעף אַליין. ער איז געשטאַנען אַזוי נאָענט צום קייזער, ווי למשל איך שטיי נעבן אייך, און דער קייזער האָט אים געפרעגט: „וואָס מאַכסטו, מיין זאָן? . . ."

מ'קאָן נישט זאָגן אַז משה'לע קלעזמער האָט, חלילה, נישט געקענט שפילן. זיינס אַ „שטייגרל" אָדער גלאַט אַזוי זיך צו טון „אַ גיי דורך" אויפן פידעלע איז באמת געווען אַ חיות צו הערן. אָבער צו זיין זון מאיר קומט ער נישט.



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

דאָס גאַנצע שטעדטל האָט געוווסט אַז מאיר מיט זיין פידעלע קאָן שפילן פאַר אַלע מלכים פון דער וועלט און וואָלט מען אין קאָפיטשיניץ דאַמאָלס געוווסט פון אַ פאַגאַניני, וואָלט מען געזאָגט, אַז מאיר פאַרשטעקט הונדערט אַזעלכע פאַגאַנינים. ער האָט געקאָנט מיט זיין שפילן אַרויסנעמען די נשמה „בנשיקה". אַז ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביי דער „גאָלדענער יוך", אַנידער־געלייגט אַ ווייס טיכעלע אויפן אַקסל, אַרונטערגערוקט דאָס פידעלע אונטער דער גאָמבע און געטון דעם ערשטן „פיר מיטן שמיטשיק", איז געוואָרן שטיל ווי להבדיל יום הקדוש ביי דער הייליקסטער תפילה. און ווען ער האָט זיך צעוואַרימט, פאַרלייגט דעם קאָפ אין אַ זייט, צוגעמאַכט די אויגן, און געטון אַ ווינק צו חברה קלעזמער, אָט דאַמאָלס האָבן יידן געוווסט אַז מאיר וועט היינט דערלאַנגען אַ שפילן אויף יאָרן צו געדענקען.

ווען משה'לע קלעזמער איז געקומען אָננעמען אַ חתונה, האָט מען געמאַכט גאַנצע תנאים און אַלץ אויפגעשריבן אויף פאַפיר. אויסגענומען האָט מען, אַז אַ חוץ דאָס אויפשפילן פאַר די מחותנים, מיידלערישע טענץ פאַרן באַדעקנס, פירן צו דער חופה, מוז מאיר שפילן אַ „גוטע זאַך" ביי דער גאָלדענער יוך און הערש לייב מוז שפילן אַ „דאָינע" אָדער אַ „וואָלעכל" אויף זיין פלייט. אויך מחזן זיי שפילן איין „קאַדריל" און פאַרטאָג מוזן זיי אָפפירן די מחותנים און דער עיקר מוזן זיי דעם אַנדערן פרימאָרגן „פירן צו שוויגער", דערביי פלעגן זיי זינגען:

„שוויגער, שוויגער, מאַך שוין צו דעם בוידעם,
שוויגער, שוויגער, ט'אָט איר אייער איידעם".

אָפגעמאַכט דעם קאָנטראַקט, געחתמעט, אָבער דאָס איז נאָך ווייניק געווען. געוויינטלעך האָט משה'לע קלעזמער איבערגעלאָזט זיין גאָלדענעם „זיגל־רינג", אויסגעקריצט מיט אַ קרוין. אָט דעם דאָזיקן „זיגל־רינג" האָט משה'לע באַקומען פון דעם גראַף קאָזיבראָצקי ווען ער האָט ביי אים געשפילט אויף אַ באַל, אויף וועלכן עס זיינען געווען אַלע שררים פון מלכות עסטרייך. אַזוי האָט משה'לע דערציילט ביי יעדער חתונה אָננעמען. ווייל נישט בלויז „חסיד'לעך" און „דאָינעס" קאָן ער שפילן, נאָר איר מעגט אייך פאַרגינען צו הערן זיינעם אַ „פאַלאָנעיז", אַ „לאַנסיע" אָדער גאָר אַ פשוטן „וואַלץ" און באמת, איז דען געווען אַ גרעסער פאַרגעניגן אין אַ זומער פאַרטאָג? אין גאַס איז שטיל, עס הערט זיך בלויז דאָס קרייען פון אַ געפאַנגענעם האָן ערגעץ פון אַ בוידעם. די זון איז נאָך נישטאָ, אָבער אַ ברייט ליכטיקייט הילט איין דאָס שטעדטל און איינגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף חלומט זיך ווי ווייט, ווייט, קלאַפן מעשענע טאַצן און קומען וואָס אַמאָל נענטער און באַלד הערט מען ווי אַ באַס ברומט און בייזערט זיך און די פידלען מיט ווייכע רייד, פרווון אים איבערבעטן און דאָס פלייטל מישט זיך אַריין. דו דערוואַכסט און לויפסט צום פענסטער און דו זאַפסט איין זיך איין די טרויריק־לוסטיק מעלאָדיע און די קאַפעליע אַרבעט געשמאַק אויף די כלים, ווי עס וואָלט זיי געגאַנגען אין לעבן און ביסלעכווייז פאַרשווינדט דער ניגון און עס הערט זיך נאָך קוים, קוים דאָס „טשין, טשין" פון די טאַצן. אַ חלום, עס וועט זיך נישט מער אומקערן. . . .

ש. י. הארענדארף

# אביש מייזלס, ע״ה

ניטא מער אביש מייזלס . . .

ער איז אוועק געריסן געווארן אזוי פלוצים, אזוי אומפארהאפט . . . ניט צו גלויבן ממש, אז ער — דער אייביקער אפטימיסט — איז מער ניטא צווישן די לעבעדיקע !

איך שרייב די דאזיקע שורות מיט א ציטער אין אלע מיינע רמ״ח אברים, ווייל איך פערזענלעך האב פארלוירן א ליבן, הארציקן חבר, מיט וועלכן עס האט מיך פארבונדן א פריינטשאפט, וואס האט אנגעהאלטן קנאפע 40 יאר !



אין מיין זכרון טויכן אויף זכרונות פון אונזער ערשטער באקאנטשאפט אין ווין, ווען דאס דארטיקע יידישע „שטעפאני״־טעאטער איז געווען דאס „מעקא״ פון דער יידישער אקטיארן־משפחה אין דער עסטרייכישער הויפטשטאט.

איך, א יונגיטשקער טרוימער, האב אנגעהויבן מיך צו „דרייען״ ארום די יידישע אקטיארן און זיך געזעטיקט מיטן טוכלען „ריח״ פון די אקטיארישע גארדעראָבעס. מייזלס — אָדער ווי די אקטיארן און אקטריסעס פלעגן אים רופן חבריש — אינטים, מיט זיין פאַרנאָמען „אביש״, איז שוין געווען אן אויטאריטעט אויפן יידישן טעאטער־געביט. ער האט שוין געהאט פארדייעט זיינע טעאטער־דערפאלגן, אלס מחבר פון עטלעכע פיעסן, בעיקר פון זיין שאפונג „דער גולם פון פראג״ (מוזיק פון שלמה פריזאמענט), וואס האט אין יענע יארן געהאט אן אויסערגעוויינלעכן דערפאלג נישט בלויז אין ווין, נאר אויף די יידישער בינעס אין דער גארער וועלט.



מייזלס, ווי א קריטישער מבין אויף זיך גופא, האט זיך ניט געלאזט פארשיכורן פון זיינע ערשטע דערפאלגן. ער האט פארשטאנען, אז א דערפאלג קומט און א דערפאלג פארגייט. ער האט בכן זיך פאַרמאָסטן צו מאכן פארשיידענע איבערזעצונגען פון א ריי אייראפעאישע פיעסן, וואס זאלן זיין צוגעפאסט פאר דער יידישער בינע. מיט א קנאפע 40 יאר צוריק, האט מייזלס איבערזעצט שעקספירס „אטעלא״ און דעם „סוחר פון ווענעדיק״ ; שפעטער — בערנארד שאוס „פיגמאליאָן״ ; „נתן דער חכם״, פון א. לעסינג, „ערד־גייסט״, פון פראנק וועדעקינד און א צאל אנדערע פיעסן.

מייזלס איז געווען דורך און דורך טעאטער־מענטש. זיין גאנצער ווזן האט געאטעמס מיט טעאטער, מיט יידיש טעאטער בפרט, מיט וועלכן ער האט זיך מתחתן געווען זינט זיין פריערסטער יוגנט.

---

עס דערמאנט זיך אונדזערע בשותפותדיקע טעאטער־וואנדערונגען (צוזאמען מיט זיין פרוי, די אקטריסע קלאראַ מייזלס, צו לאנגע יארן), איבער די יידישע ישובים פון בעמען און מערן ; אונדזערע דערפאלגן און דורכפאלן־פון מאטעריעלן שטאנדפונקט־וועלכע מייזלס האט ניט גענומען טראגיש. ער האט אלץ אנגענומען באהבה, ווייל לויט זיין פילאזאפישער טעאטער־שיטה, „לוינט זיך״ צוליידן פאר דעם כבוד פון יידיש טעאטער . . .

יארן זענען געלאפן מיט זייערע פאליטיש־דראמאַטישע סטיכיעס, און אונדזערע וועגן האבן זיך צעשיידט אין די קעגנגעזעצטע ריכטונגען : מיין גורל האט מיך פארווארפן אין אנדערע לענדער, און אויף אנדערע געביטן. אבער מייזלס איז געבליבן געטריי דעם יידישן טעאטער. ער האט אומדערמידלעך עוסק געווען פאר דער יידישער בינע און געשאפן זיינע שפעטערדיקע, ביז נאר דערפאלגרייכע נאציאנאלע אפערעטעס : אָן א סערטיפיקאט קיין ארץ ישראל״ ; „דאָ איז ראדיא ירושלים״, „פאָרט א ייד קיין ארץ־ישראל״, וועמענס אקטועלע טעמאטיק און פאלקסטימלעכקייט האבן שטארק אפעלירט צו די הערצער פונעם יידישן טעאטער־עולם, און דאס איז געווען דער סוד פון זייערע אויסערגעוויינלעכע דערפאלגן.

אין יאר 1938, נאכן נאצישן אריינמארש קיין עסטרייך, איז מייזלס מיט זיין פרוי און איינציקער טאכטער אנטלאפן קיין פראג, און פון דארט זיך געראטעוועט קיין לאנדאן. ער איז דא געווען טעטיק, פריער אין „גרענד פאלעי־טעאטער, שפעטער אין „אדלער האל״ און צו לעצט אינעם „אלעקסאנדער טעאטער״. אבער זינט די לעצטע 10 יאר, ווי א פועל־יוצא פון פארשיידענע פאר סיבות — אומגערעכטע צו אים און צו זיין פרוי — זענען זיי ביידע ווי פארשטויסן געווארן פון דער יידישער טעאטער־פראפעסיע . . . מייזלס האט שטארק, זייער שטארק געליטן פון דעם ווייטיקלעכן פאקט . . . ער האט זיך געפילט ווי אן איבעריקער, באשר מען האט אים און זיין פרוי דערווייטערט פון יידישן טעאטער־עמוד . . .

---

66 יאר איז אלט געווען א. מייזלס, דער טרובאדור פון יידישן טעאטער. זייער אסך געליטן, בעיקר פיזיש. אבער ער האט מיט זיין אינטעליגענץ און ברייטן וויסן גובר געווען די פיזישע שטראף, מיט וועלכע די נאטור האט אים באשאנקן זינט זיין פריעסטער יוגנט.

ווי אן אפשטאמיקער פון א פרומער חסידישער, יראת־שמימדיקער גזע, (זיין פריצייטיק פארשטארבענער פאטער איז געווען א סופר), האט מייזלס דער יונגיטשקער יתום, זיך אויפגעצויגן אינעם קליינעם, גאליצישן שטעטעלע קוליקעוו, ביי זיין זיידן ר׳ זינדל דער חזן, וועלכער איז נפטר געווארן אינעם עלטער פון 104 יאר! געלערנט אין קלויז פון קופיטשינעצער רבין, און אלס 13 יאריקער בחורל געווארן א זייגערמאכער. מיט 14 יאר איז ער געווען א „טעאטער־מאכער“ אינעם „יעקב גארדין פאריין“ אין טארנאפאל. שוין אין פריעסטע קינדער־יארן האט אים געצויגן צום יידישן טעאטער...

די יידישע בינע האט אים ווי פארכישופט...

ווען עס האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה, אינעם יאר 1914, איז מייזלס געקומען קיין ווין, און דאס יידישע „שטעפאני טעאטער“ איז געווארן זיין גייסטיקע היים, מיט וועלכן ער האט זיך מתחתן געווען אויפן גאנצן לעבן.

איז בכן אינטערעסאנט דער פאקט, אז אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן, האט מייזלס אנגעהויבן צו שרייבן ביז גאר אינטערעסאנטע, ממש פארכאפנדיקע זכרונות פון זיינע קינדער־יארן אינעם הויף פון קופיטשינעצער רבין, וואס ער האט אזוי שטארק געוואלט פארעפנטלעכן אין בוך־פארם. זכרונות, וואס שילדערן א אויף אייביק אונטערגעגאנגענער חסידישער תקופה אין גאליציע.

וועט זיך אין יידישן לאנדאן אפזוכן א למד־וואוניק, אן אוהב פון יידיש לשון, וואס וועט מאטעריעל דערמעגלעכן, אז דאס דאזיקע וויכטיקע בוך זאל דערשיינען?

---

ניטא מער אביש מייזלס, דער שטילער, דער הארציקער „באנטשע שווייג“ביים יידישן טעאטער! לערך 50 יאר פון זיין נישט אויסדערלעבטן לעבן האט ער מקריב געווען פאר דער יידישער בינע.

איך פלעג אים אפט באגעגענען ביי פארשיידענע געלעגנהייטן, און מייזלס האט מיר דערציילט וועגן זיינע פלענער: אט פארט ער קיין ישראל — שוין צום דריטן מאל אין זיין לעבן — כדי צו זען, ווי זיין ציוניסטישער אידעאל ווערט פארווירקלעכט אין דער יידישער מדינה. מייזלס איז זיין לעבן־לאנג געווען א צוניסט און ווי אזעלכער האט ער גענומען אן אקטיוון אנטייל אין ציוניסטישן לעבן.

מייזלס איז געווען דער אייביק פארליבטער אין דער יידישער בינע. דער שטורמער און מאַנער, אז יידיש טעאטער זאל געשפילט ווערן אויף א ריינעם, שיינעם און ווירדיקן אופן. יידיש טעאטער איז געווען זיין אלץ און אלעס אין דער וועלט!

זיי ווערן אלץ ווייניקער און ווייניקער, די בויער און טוער פון יידישן



טעאטער. עס ווערן אלץ שיטערער אונדזערע רייען, און עס איז ממש ניטא ווער עס זאל פארנעמען די ליידיק געווארענע פאזיציעס. עס שטארבן אויס די יידישע אקטיארן, טעאטראלן, די מוזיקער, און אפילו דער יידישער טעאטער־עולם שטארבט אויך אויס!...

מיטן טויט פון א. מייזלס איז אפגעשטארבן א גליד פונעם קוים לעבעדיקן אבר פון יידישן טעאטער. מייזלס איז געווען איינער פון די ווירדיקסטע מאהי־קאנער פון דער יידישער בינע!

יתגדל ויתקדש שמה רבא...

---

ש. זאלקין

## אין שפעטער נאכט

עמיצער קלאפט און קלאפט אין טיר;
איך שוידער אויף, ווער קומט צו מיר?
עס איז שוין שפעט, נאך האלבער נאכט,
און זעלטן ווער אצינד עס וואכט,
אחוץ דער בייזער פראסט און ווינט,
און ערגעץ־וואו א קראנקעס קינד.

און נאכאמאל א קלאפ איך הער:
איך הויב זיך אויף און אטעם שווער
און בייז איך שריי — „ווער איז דא, ווער
אין שפעטע שעהן קומט אהער?“

„א, עפן אויף!“ — איך הער א שטים,
„איך וועל דערציילן ווער איך בין,
„און ווער פון ווייט אין האלבער נאכט
„צו דיר אהער מיך האט געבראכט!“

די טיר איך עפן, נאר קיינער קומט:
איך רוף און רוף, נאר אלעס שטומט;
איך זוך מיט ליכט א שפור, א טראט,
און ווער אין טיר געקלאפט עס האט.

ווער קאן דאס זיין? איך טראכט און טראכט:
דער קול עס קלינגט ווי צערטלעך־זאכט;
צי האט זיך מיר דאס בלויז געדאכט
אין שפעטע שעהן פון דער נאכט?

## דער צרות (סועץ) קאַנאַל

(המשך)

און אַז ר׳ איציק האָטווידער אָנגעהויבן: רבותי מיר דאַרפן אַ טייך, אַ טייך מיט פיש, אַ טיפן טייך אַז אין די פאַרלאָזטע מילן זאָלן זיך די רעדער ווידער אָנהייבן דרייען! שרייט אויס יאַנטל שייגעץ: פאַרדרייט אייך אייער קאָפּ, איר צודרייטער. וואו זאָלן מיר נעמען אַ טייך? אַריינפאָרן קיין באַרדיטשעוו און קויפן אַ טייך מיט פיש? טפו זאָל ער ווערן!

וואו זאָלן מיר נעמען אַ טייך? ענטפערט אים שפּיציק ר׳ איציק: מיר האָבן אַ טייך אונטער אונזערע נעזער, מיר דאַרפן אים נאָר אָנפילן מיט וואַסער! אַ ביטערער געלעכטער האָט אויסגעבראָכן, און יאַנטעל דער שטאָט שייגעץ זיך האַלטענדיק ביי די זייטן שרייט: וויפיל גלעזער וואַסער וועט מען דאַרפן כדי אָנצופילן אונזער טריקענע מקווה?

ר׳ איציק האָט אָפּגעוואַרט ביז דער עולם האָט אָפּגעלאַכט, און האָט אויסגעשריגן: לאַכט יידן, לאַכט! גרעסערע מענטשן פון מיר זענען אויסגעלאַכט געוואָרן! גאַליליייוס האָט געשריגן די וועלט דרייט זיך, האָט מען אים אויסגעלאַכט; דער ענגלישער נאַטור־פאָרשער דאַרווין האָט געזאָגט אַז מיר שטאַמען פון מאַלפּעס, האָט מען אים אויסגעלאַכט. אַ סוף, נו, וואו איז דער פּלאַן?! איז דער עולם געוואָרן אומרואיק.

הערט אויס, רבתי! האָט ר׳ איציק במנוחהדיק ווידער אָנגעהויבן: עס ווייזט אויס, אַז דאָס יידישע פאָלק איז באַשאַפן געוואָרן עס זאָל שפּאַלטן! אונזער משה רבנו האָט געשפּאָלטן דעם ים כדי ער זאָל קענען אַרויספירן די יידן פון מצרים! ער האָט געשפּאָלטן אַ שטיין כדי צו קריגן וואַסער אין דעם מדבר. דער צווייטער ייד, דיזראַעלי, האָט געשפּאָלטן אַ שטיק לאַנד און האָט משדך געווען צוויי ימים! און איצט איז געקומען די צייט אַז מיר זאָלן אויך שפּאַלטן, כדי צו באַקומען וואַסער פאַר אונזער אויסגעטרוקנטער מקווה. אַ שטיקל פעלד, אַ פערטל וויאָרסט די ברייט, ליגט צווישן דעם טייך „זמיי״ און אונזער אויסגעטריקענטן טייך די מקווה! וועלן מיר שניידן אַ קאַנאַווע (קאַנאַל) צוויי אַרשין די ברייט און איין אַרשין אין דער טיף. מיר וועלן אָנהויבן פון דעם ברעג ביי דער מקווה, און מיר וועלן אַרויפקריכן ביז צו דער גרעבליע פון דעם טייך זמיי זיך אָפּשטעלן ביי דעם בערעזעוו׳ן בוים כדי טשיקאַווע שונאים זאָלן ניט וויסן וואָס מיר מיינען מיט דעם גראָבן. זאָל עס הייסן אַז מיר ווילן פלאַנצן בוימער, פאַרזייען ציבעלעס און פעטרישקע! און אַז דער קאַנאַל וועט פאַרטיק ווערן וועלן מיר באַדאַרפן וואַרטן אויף אַ נס! האָט „ר׳ איציק שפּיציק״ געשמייכלט אין זיין שפּיציקער באָרד אַריין.

אַ נס?! אַ נס?! און אַ ווילדער אויסברוך פון עולם מיט זידלערייען האָט געמאַכט ציטערן די ווענט פון בית המדדש. אַ נס, נאָכדעם וואָס מיר וועלן צוברעכן אונזערע רוקנס, אָפּגיין מיט שוויס גראָבנדיק דעם קאַנאַל. זאָלן מיר



וואַרטן אויף אַ נס? טפו זאָל ער ווערן! דער צודרייטער! דער לא יצלח! און דער עולם איז אַרויס פון בית המדרש מלא רציחה!

אין צוויי וואָכן איז דער קאַנאַל פאַרטיק געוואָרן, און דער עולם האָט געוואַרט אויף דעם נס! און דער נס איז געשען אין אַ טאָג, ווען די זון איז געשטאַנען איבער זאַשקאָוו און האָט געברענט און געבראָטן אַלץ וואָס האָט געלעבט, אָדער בעסער געזאָגט, אַלץ וואָס האָט געפּאָכעט מיט דער נשמה! אַזאַ היץ געדענקט ניט זאַשקאָוו זייט יאָרן! די מענשן, און ניט געגליכן די חיות, בהמות, פערד און ציגן, און אפליו די קעץ האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַז די זון זאָל זיי ניט אָפּבראָטן ביז—צום ביין! דער מאַרק ליידיק, די קלייטלעך צוגעמאַכט, די יאַטקעס ליידיק, מיט איין וואָרט, זאַשקאָוו ליגט אויסגעצויגן ווי אַ פיש אויף דער טריקעניש! דער איינציקער נפש וואָס גייט אַלע פערטל שעה אַרויס פון זיין קלייטל איז ר׳ איציק שפּיציק. כאַפּט אַ קוק אין הימל און זאָגט צו זיך: היינט וועט עס קומען!

און די זון, ווייזט אויס, האָט געקריגן רחמנות אויף זאַשקאָוו, האָט זיך פּאַוואָליע אָנגעהויבן אַראָבשווימען נידעריקער און נידעריקער צום עק הימל, האָט זיך פאַררויטעלט, אַ פּאָר דינע וואָלקענדלעך זענען אַריבער איר און זי צושפּאָלטן און פאַררויטעלט געוואָרן. זי איז אַרויס פון אונטער זיי אַ גרעסערע און פּאַוואָליע זיך אַראָפּגערוקט נידעריקער, נידעריקער, צום עק הימל ביז זי איז פאַרשווינדן איבערלאָזנדיק אַ רויט בלויען הימל! אַ פּאָר קליינע וואָלקענדלעך האָבן זיך באַוויזן, ווי שעפּסעלעך, נאָך זיי גרעסערע, ווי לייבן, טיגערן. לאַנגזאַם האָבן זיי זיך באַגעגנט, זיך צוקושט, געמאַכט יד אחד, און עס האָט ניט גענומען לאַנג, און זאַשקאָוו איז צוגעדעקט געוואָרן מיט אַ דיקער שוואַרצער כמאַרע.

זאַשקאָוו איז צוריק לעבעדיק געוואָרן! די ערשטע האָבן זיך די זשאַבעס פון דער מקווה געלאָזט הערן. צו העלפן די זשאַבעס צום קאָנצערט האָבן זיך אָנגעשלאָסן די הענער מיט זייער קרייען. ציגן צאַפּעס האָבן אויך געוויזן וואָס זיי קענען. דער מאַרק איז לעבעדיק געוואָרן. קליינוואַרג, נאַקעט און באָרוועס, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן שליאַך און האָבן געזונגען: גאָט, גאָט, געב אַ רעגן, פאַר די קליינע קינדערסוועגן. נישט קיין סך און נישט קיין ביסל, נאָר אַ פולע שיסל!

אַ ווינטעלע האָט אַ בלאָז געטאָן און דער עולם מיט אָפענע מיילער איז אַרויס געניסן די פרישע לופט. פשוט זיך מחיה געווען! עס האָט ניט גענומען לאַנג און פון דעם „ווינטעלע״ איז געוואָרן אַ ווינט, און פון ווינט אַ שטורעם. אָבער שוין איינמאָל אַ שטורעם! זייט זאַשקאָוו שטייט האָט מען נאָך אַזעלכעס ניט געזען און ניט געהערט! עס האָבן אָנגעהויבן פליען יאַרמולקעס פון מאַנסבילשע קעפּ, טשיפּקעס פון ווייבערשע קעפּ, ספּודניצעס האָבן געפלאַטערט אַראָפּ און אַרויף, שטרויענע דעכער זענען אָפּגעפליקט געוואָרן! הינער און גענז, מיט אויסגעשפּרייטע פליגן, מיט אויסגעשטרעקטע העלזער, נישט טויט, נישט לעבעדיק, זיך געלאָפן ראַטעווען!

זיינוועל דעם שוסטערס טאַבלועצע מיט אַ שטיוול אויסגעמאָלט האָט זיך אָפּגעריסן, און אַרויפגעפלויגן צו בערל דעם שניידער אויפן דאַך. . . . אַ ליידיקער פּאַס האָט זיך פון ערגעץ אָפּגעריסן, און מיט אַ טאַראַראַם זיך געקאַטשעט און אומגעוואָרפן אַלץ וואָס אים איז געשטאַנען אין וועג! מאַמעס האָבן אָנגעהויבן אַריינשלעפן קליינוואַרג אין שטוב אַריין, די „כודאבע" בהמות, ציגן, פערד און צאַפּעס מיט אויפגעשטעלטע אויערן האָבן זיך געראַטעוועט ווי זיי האָבן נאָר געקענט! און אַזוי האָט דער שטורעם געבושעוועט ביז שפּעט אין דער נאַכט!

טיר און טויער צוגעמאַכט! אַ טיפע פינסטערניש, אַ בליץ, און דער הימל ווערט באַלויכטן מיט קאָלירנדיקע קרומע צווייגן, און ווידער אַ פינסטערניש! דער שטורעם ווינט זינגט אַ טרויער ליד! אין דער ווייטקייט קלאַפּט אַ דונער אויפן פּויק. פּלוצים הערט זיך אַ געשריי: יידן! שטייט אויף! דער נס איז געקומען! שטייט אויף! נעמט זאָסטעפּערס און קומט!! פון טיר צו טיר לויפט איציק שפּיציק אויף איין אַקסל אַ לייטער און אַ דיקן לנאַגען שטריק און אויפן צווייטן אַ זאָסטעפּ. יידן! דער נס איז געקומען!

דערשראָקענע, פאַרשלאָפענע, מידע זענען יידן אַרויס פון די שטיבער מיט זאָסטעפּעס, לאָפּעטעס, לאַמטערנעס. יידן! קומט! דער נס איז געקומען! און ניט פרעגנדיק קיין שאלות, האָט מען אָנגעהויבן שפּאַנען.

ביים בערעזעוון בוים זאָלט איר בלייבן שטיין — קאָמאַנדעוועט ר׳ איציק — אַרומגראָבן דעם בוים ביז צו די קאָרעניס! אַ בליץ, דער הימל ווערט צושפּאָלטן. יידן גלייכן זיך אויס און זאָגן: „עושה מעשה בראשית". מאָשקע! שטעל צו דעם לייטער צום בוים און בינד אַרום ביי די ערשטע צווייגן! אַ דונער, וואָס טרייסעלט אויף די ערד, יידן גלייכן זיך אויס און זאָגן: שכחו וגבורתו מלא עולם! מיר זענען ביי די קאָרעניס! מזל טוב, ענטפערט ר׳ איציק. שפּאַנט אייך אין ביידע זייטן שטראָם. איך וועל זאָגן „יאָ", אַ שלעפּ מיט די לעצטע כחות! יידן האָבן זיך איינגעשפּאַנט, אַ פּאָר שלעפּ געטאָן און דער בוים האָט אָנגעהויבן צפּ קרעכצן. נאָך דעם צענטן שלעפּ איז ער געלעגן אויפן ברעג. און פאַלדיק האָט ער מיטגעשלעפּט אַ גרויסע שטיק גרעבליע פון דעם טייך זמיי. אַ שטראָם מיט וואַסער האָט זיך אַדורכגעריסן! קומט, רבתי, דער נס איז געשען!

„אוי, אַ קאָפּ," „אַ מיניסטער!" „אוי, אַ חכם!" און דער אויסגעווייקטער עולם גייט פון ביידע זייטן פון ר׳ איציקס קאַנאַל, און הערן זיך צו צום זשומען און בולבן פון וואַסער ווערט אַלעמאָל שטאַרקער, רוישיקער. רבותי, עס זאָל הייסן אַז מיר האָבן מחדש געווען די לבנה!

זאַשקאָוו האָט קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן. דאָס גאַנצע שטעטל שטייט ביים ברעג פון דער „מקווה" און קוקן מיט צושפּרייטע מיילער און פריידיקע אויגן ווי אַ שטראָם וואַסער פילט אָן דעם אויסגעטרוקנטן טייך. מען זעט ניט מער די פאַרפוילטע חפצים, נאָר וואַסער, וואַסער, וואַסער!

דער פּועל יוצא איז געווען: דער טייך זמיי האָט פאַרקירעוועט דעם



דישל, און איז צוזאַמען מיט די קאַרפּן, העכט און שלייען אַריין מיטן שטראָם אין דער מקווה!

און מיט גדלות פליסט דער יידישער טייך. די רעדער פון די וואַסער מילן דרייען זיך, יידישע פישער פרייען זיך, און גייען צו תשליך צו זייער יידישן טייך און זאָגן: מי אל כמוך נשא עון ועבר על פשע נחלתי לא החזיק לעד אפו כי חפץ חסד הוא.

---

## יוסף הלל לעווי

### זינג איך מיט

קלינגט ניט מער די זאַנפטע שטימע,<br>
פליסט ניט מער דאָס הייליקע ליד, —<br>
וואָס האָט ס׳האַרץ מיר אויפגעעפנט<br>
ווי די זון אַ פרילינג בליט . . .

ציטערן ניט מער די פינגער,<br>
גיסט ניט מער דער בוימל זיך;<br>
וואָס האָט ליכטיק ווי אַ קנייטל<br>
אָנגעצונדן מיר מיין איך . . .

צי דער פירטער יאָרצייט פונם פאָעט און צום דערשיינען פונם צווייטן בוך פון זיינע געקליבענע שריפטן.—ד.ר.

## ש. טענענבוים

### מ י נ י א ט ו ר

פייגל, פעלזן און כוואַליעס

פייגל, פעלזן און כוואַליעס זיינען אומצעשיידבאַר און אומצעברעכלעך אין אַ געוואַלטיקער לאַנדשאַפט פון ים. אַזוי ווי גאָט וואָלט די דאָזיקע לאַנדשאַפט געגאָסן אין אייזן און זון. ס׳איז פאַרנאַכט. איך גיי שפּאַצירן אויפן ברעג פון ים. די זון שטייט שוין נאָענט צום מערב־זייט און זי ציטערט און צאַפּלט. און זע: אַלע ים־פייגל שטייען אויסגעשטעלט ווי אין אַ תפילה מיט זייערע פּנימער געווענדטע צו דער רויטער זון. מיר דאַכט זיך: עס שטייגן פאַקליידעטע קעניגן אין אַ ריזיקן טעמפּל, וועמענס ווענט זיינען פון קרישטאָל, פאַרייניקט אין עפּעס אַ געהיימניספולער פאַרערונג צו דער זון . . .

און איך טראַכט: די דאָזיקע שטומע און פאַרשטיינערטע פייגל ווייסן פון דעם זין פון אייביקייט. זיי טראָגן אין זיך אַ געוואַלטיקע ערנסטקייט און סערעניטעט, וואָס מאַכט זיי צו אַ שטאָלצע און אַ הערלעכע טייל פון דעם אַצעאַנס שטורעמדיקער לאַנדשאַפט. זיי צירן דעם ים־ברעג מיט זייערע גראַציעזע און קלוגע געשטאַלטן. זיי שטייען דאָ אוודאי פון די צייטן פון די מעכטיקע נביאים . . .

## א. נ. שטענצל

### ווייטשעפּעלער־„דערבי״... אזא פּסח־באַלאַדע

אינדערהיים האָט מען געלעבט מיט נסים,
„ברוך אדוני יום יום״ יעדן טאָג,
און אַז שוין כלו כל הקינצן,
העלפט קראַמ׳ס קורץ־געקאַרבטע אייל, קרומע וואָג.

דאָ אַרבעט מען שווער אויף אַ לעבן,
צומאָל אַ שטאָך אין הייליקן שבת אַריין;
מען ציט די פעדעם פון לייב אַרויס,
מ׳זאָל חלילה נישט פעכניען אויף די ציין.

מילא אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר,
אָבער אַז עס קומט דער פסח צו גיין,
פון ווו נעמען אויף מצות, אויף שמאַלץ,
אויף אייער, פאַר ארבע כוסות דעם וויין?

יאָ, אויב אליהו קומט דאָ נישט אַהער,
קומט אָנגעריטן זיין פייערדיק פערד!
אַ פליענדיקער אָדלער, אַ סוס,
הירזש! שטעלט אויף אייערע אויערן און הערט:

ס׳האָבן די ענגלענדער אַ קעניג,
און דערצו זייער דערבי אַלע יאָר,
און די יידן האָבן אַ רויטשילד,
ווי ס׳גוי׳לט זיך יידלט זיך — אויף אַ האָר.

דער הייליקער דזשאָרזש מיט פערד זיינעם,
צעטרעט העלדיש דעם עגדישדיקן שלאַנג!
מוזט איר ערשט אָנקוקן רויטשילדס פערד,
ווען כי „גאה גאה״, אין זיין שטאָלצן גאַנג —

ווי אַטלעס, ווי זיידן ס׳גלאַנצט זיין פעל,
פון די צוויי שליפיעס דאָס פונקן־געשפריץ,
ס׳קאָן זיין פוס קיין רגע נישט איינשטיין,
און די אויערן — נעדלדיק נאַ־שפּיץ.

דער שטאָלץ־שלאַנקער האַלדז — די עלעגאַנץ!
אָט מיט חנדל גאָר אַ בויג אויף אַ זייט;
פלוצלינג צעטאַנצט ער זיך אינגאַנצן —
אַ מין מצוה־טענצל מסתם ער גייט.



און ערשט זיין סאַמעטענע גריווע!
אַ מיניסטער קאָפּ, א חכם אַ פערד,
יעדן אויגנבליק שיסט ער אים אויף —
עס דאַכט זיך אים, דעם סיגנאַל שאָס ער הערט.

און ווען אַ צעפּלאָשעטער זיין עק,
גיט זיך מיט אַ ראָזמאַך אַ שטעל אויף,
אין שרעק פלאָטערט אַ מחנה פליגן —
אַרום אים די פערד אין זייער געלויף —

יאָ, אליהו הנביא קומט נישט,
אַז טריפה איז זי דאָך דאָ אונזער ערד!
שיקט ער כאָטש פאַר די פסח־„רעסעס״,
רויטשילדן אין „סטעבל״ אריין זיין פערד.

נישט צו „שפוך חמתך״, ביים סדר —
צו חמץ־בטלען עפנט זיך שטאַל־טיר!
ער אַליין גאָר מכובד מיט פתיחה:
„יעמוד מאיר בן אַמשיל הגביר״!

און צי קאָן מען דען אָנפאַרטרויען,
עפעס אַ שייגעץ אליהו׳ס פערד?
איז ס׳אייניקל אין זאָטל געזעצט!
און עדמאָנד דע רויטשילד דער „זשאָקי״ ווערט.

אַ יונג אַ לויפער, אַ ספּאָרט, אַ ספּריט,
אָבער פון זיידן זיינעם בלויז איין ווינק,
אין פייער און אין וואַסער שפּרינגט ער,
און איבער שטיין און ביין ווי גרינג, ווי פלינק.

אַזאַ מין פערד און אַזאַ „דזשאָקי״,
שוין איינמאָל ראָסע, כ׳לעבן אַ פאַר!
דעם רייטער, דעם דאַשעק נאַ באָקום,
ס׳בלייטשל אין שטייול — שטעלט אייך אים בלויז פאַר.

נו, שטעלט גאַנץ ווייטשעפּל אויף „דערבי״,
„איטש־וועי״ קאָן דאָך אָרעמסטער פרעסער נאָך,
און ס׳איז דאָ אויף מצות אויף אייער,
און ארבע כוסות אויף אַ גאַנצער וואָך.

און ערשט וואָס ס׳בלייבט איבער רויטשילדן —
אָן זיין שאָדן יעדן יידן געזאָגט!
בלויז דאָס, וואָס פערד אין שטאַל אים געלאָזט,
מיט גאָלד עס אָפּצוועגן ווער פאַרמאָגט.

## ערב-פסח

האָט ווער איבער נאַכט אין מיין פינסטער שטובל,
דעם באַלטן לכבוד פסח אויסגעווייסט ;
די אָפגעשיילטע ווענטלעך שטייען אַרום —
ביימלעך אין זון וואָס קאָרע זייערע זיך שלייסט.

און דער היימישער ריח אין נאָז פון ווו קומט ?
שטייט נישט מיר צוקאָפּנס אַ מצה קויש ווו ?
מיט אַלע חושים ניוכנדיק זוך איך אים,
אויפגעריסענער בליק, מייזל-פלינק, שפּרינגט צו.

זע, אין פענסטער ליגט אויפגעגאַנגענע זון,
אַזאַ קיילעכדיקע, אַ פרישע און גרויס —
אַן אויסגעבאַקענע וואַרעמע מצה,
אָקאָרשט אַרויסגעשיבט פון אויוון אַרויס.

## דאס געזאנג פון שוואלבן

אָנגעקומען נאָך לאַנגען פלי,
גרויסן ים בשלום אַריבער,
בלייבן זיי אין איין אָטעם שטיין,
און זינגען אַ ליד בציבור —

וויפיל טיף אין ים פאַרזונקען,
פאַרציקט וויפיל פון רויב-פויגל ;
אונטן שטורעמט אָפענער תהום,
אויבן טשאַטעט אָדלער-אויגל.

אָ, נישט קיין סתם געזאַנג איז עס,
געגוצלטע בענטשן גומל !
אַ שול צעשאָקלט צו הלל —
מיט שוואַלבן ס׳באַזעצטע בוימל.

## פרילינג

1

קונציק טאַנצט אַ טויב פאַר זיין טויביכע,
בוקט זיך, בויגט זיך, ער קריכט ממש פון דער הויט,
זי, די טויביכע, פּיקט אַ ברעקעלע,
ווי נישט זי מיינט מען, מאַכט זיך געפגרט, טויט.

ס׳קריכט אַ וואָרים פון פינסטערער ערד אַרויס,
פליט אַ גוט פייגעלע אָן, פּיקט אים אויף :



נישט צעטרעטן חלילה ער זאָל ווערן,
ברענגט אים לעבעדיק אין נעסטל אַרויף . . .

ס׳פליען, ס׳ציען פון יעדן לאָך און שפּאַלט,
אַ מין באַמיען, זיין אופן יעדער מין ;
ווי זיכער די מאָרעווקע ווייסט איר וועג,
איך מיט מיין געקריך ווייס נישט וואַהין.

2

מיט דערנדל-שטענגל עס שפּיזלט ווער,
די האַרץ-צאַרטע בלעטעלעך צו אַ רויז ;
עס שפּינט ווער פון שלענגל צעפעדעמטן,
זומער-פייגעלע אַטלעס זיידן אויס.

ווי ס׳קוקט מיך אָן מיט באַוועגט פליגעלע,
און ווי אויגלדיק מינדסט פעדעמל צוויט !
אויפגעכאַפּט ווער מיין פאַרלוירענעם בליק,
און ס׳דריוולט מיין וועלק-וואַקלדיקער שריט —

זע ווי דער פאַרוויקלטער וואָלקן-קנויל,
פּלאָנטערט זיך אויס אַזוי קיילעכדיק גרויס — —
ס׳שפּין-געזום אַרום, ס׳שפּיזל-געבלאַנק,
איין שטראַל בלויז, וואָסער שיינקייט ער וועבט אויס.

## א סאנעט

ווּעסט דו מיך ציען אין טויט אַריין ?
אָבער וואָס איז אַזוינס טויט ?
אַ דערנדל פאַרבלוטיקט רויט,
ווי די רויז און ווי דו אַזוי שיין.

איך קען בלויז דאָס לעבן אַליין —
דעם ווערעמדיקן זריעה-שויט !
ס׳בליט די בליאינג איבערן פלויט,
מיט זיס פלאַטערל אין שטראַל-געשיין —

אַרויס-אַריין, אַהער-אַהין,
אַרום זון זשומענדיקע בין !
אָ, די געאייביקטע רגע זיין.

ווי האָניק, דיין מילך-ציינדל-ביס,
און דער טויט ווי זיין קאָן ער זיס,
געגראָבן אין דיין גריבעלע חן.

מיצקעוויטש, פושקין, בייראָן, היינע,
זייערע לידער נישט געלעזן ;
פרוג, ראָזענפעלד, רייזין און שניאור,
זיינען מיינע רבי׳ס געוועזן.

מאַמעס תחינה, טאַטנס אַ תורה —
דאָס ליד פון אונזערע פּאָעטן !
ווי אַ חסיד אין רבינס צורה,
געשפּיגלט אין זייערע פּאָרטרעטן.

דאָס שוועבנדיקע אויף פרוגס שטערן,
אין ראָזענפעלדס בליק בליצט אַ פייער,
ווי לויטער אברהם רייזינס פשטות,
אין ווי גרויס אין זיין פּאָזע — שניאור.

ערשט ווען פרץ׳ס בילד, ווען יהואש׳ס,
געשטאַנען איז פאַר מיינע אויגן — —
אַרום זייערע הייליקע קעפּ.
אַ מין שכינה אַרומגעפלויגן.

נישט פאַרגעסן כ׳וועל יענע רגע,
ווען פאַר שניאור׳ס טיר כ׳בין געשטאַנען :
אַ חסיד מיט אַ קוויטל אין האַנט,
מיט מיין ליד כ׳בין אַריינגעגאַנען.

ווי ער האָט אויסגעזען ! די פּאָזע,
גאָר נישט ווי ביים ליינען אַ קוויטל — —
„קאָלעגע״, קלינגט קאָקעט אַ באַס־קול :
„פאַרוואָס טוט איר נישט אויס דאָס היטל ?״

(כ׳הער, אַ הערל בייסט זיך צווישן ציין,
שפּיץ־וואָנס קרישלט זיך צווישן פינגער ;
גאַנץ פאַרגעסן, אז נישט אַ פּאָרטרעט —
פאַר מיר זיין מאַיעסטעט דער זינגער !)

מסתם געהאַט עס צוריק אָנגעטון,
בשעת געזען אים שטיין אַזוי לעזן —
אין גאַנצער גרויס, גילדן איינגערעמט,
און ווי אונטער גלאָז ר׳וואָלט געוועזן.



י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## די היסטארישע מיסיע פון די נביאים

ב

לויט דער ביבעל קריטיק איז די היסטארישע מיסיע פון די נביאים געווען, וואס זיי האבן אנטוויקעלט די אידעען פון מאנאטעאיזם, זיטליכקייט און סאציאלן יושר — די דריי יסודות פון יידישן וועלט באנעם. אבער זייער מיינונג ווערט אפגעוואנדן פון די ביבעל פארשער. כדי פעסטצושטעלן די תקופה אין וועלכער תורת משה איז פארפאסט געווארן, האט דער באוווסטער פילאלאג פון סעמיטישע שפראכן, פראפעסאר האממעל, קאפיערט א סך פערזענליכע נעמען און אייגנארטיקע ווערטער פון די אויסגעגראבענע ליימענע און שטיינערנע טאוולן, וואס זענען געלעגן פארשיט אונטער די חורבות פון אלטן בבל ארום דריי מיט א האלבן טויזענט יאר — פון סוף האמוראביס בבל ביז דער איצטיקער צייט. אנווייזענדיק, אז די זעלבע פערזענליכע נעמען און אייגנארטיקע ווערטער געפינען זיך אויך אין תורת משה אבער אין די אויסגעגראבענע דאקומענטן פון נייעם בבל, פון נבוכדנצר׳ס בבל, וואס איז אויפגעשטאנען לערך טויזענט יאר נאכן חורבן פון אלטן בבל, ווערן זיי ניט דערמאנט, הגם די שרייבער פון נייעם בבל האבן זיך געפלייסט צו אימיטירן דעם קולט, לעבענסשטייגער און לשון פון אלטן בבל, איז פראפעסאר האממעל געקומען צום אויספיר, אז מען האט פארפאסט תורת משה בעת די ספעציפיש־שפראכליכע אויסדריקן זענען נאך ניט פארגעסן געווען — ארום דער צייט פון יציאת מצרים. (פ. האממעל „די אלטע העברעאישע טראדיציע״ ז. 201.)

ווייטער שרייבט פראפעסאר האממעל, וואס מער ליימענע און שטיינערנע טאוולן מען גראבט־אויס פון די אלטע חורבות, אלץ קלארער ווערט, אז די מעריב׳דיקע סעמיטן, דאס הייסט, די העברעאישע שטאמען האבן שוין געהאט די מאנאטעאיסטישע קאנצעפציע אין גראען אלטערטום און קיין אנדער פאלק פון די דעמאלטיקע פעלקער, די סומעריער אדער אריער, האט איר ניט געהאט. דאס זעלבע איז אויך צו זאגן וועגן דעם זיטליכן און יורידישן טייל פון תורת משה. צום סוף פון זיין אפהאנדלונג זאגט פראפעסאר האממעל — די ביבעל קריטיקער ווייסן פון די היסטארישע פאקטן, אבער זיי פארמאכן די אויגן ניט צו זען זיי וועגן זייער איינזייטיקייט און פרעסטיזש. (פ. האממעל „די אלטע העברעאישע טראדיציע״ ז. 292.)

און פראפעסאר מאספערא, דער בארומטער עגיפטאלאג און אסיריעלאג, דערקלערט : אויב מיר זאלן אפילו אננעמען, אז דער געדאנק צו פאראייניקן די אומצייליקע געטער און האלב־געטער אין אן איינציקן אלמעכטיקן האט אמאל א דורכגעבליצט דעם געהירן פון א בבל׳שן פריסטער, איז אבער די אידעע קיינמאל ניט פארשפרייט געווארן ביים פאלק. צווישן די טויזענטער אויסגעגראבענע ליימענע און שטיינערנע טאוולן, אויף וועלכע עס זענען פאר־

שריבן געבעטן און מאגישע פארמולעס, האבן מיר ביז איצט נאך ניט געפינען קיין איינציקן דאקומענט וואו עס זאל דערמאנט ווערן די עקזיסטענץ פון אן איינציקן אלמעכטיקן, וואס איז אין זיך כולל אלע עלעמענטן און כוחות פון דער וועלט. דער העכסטער גאט אין די אלטע בבל׳שע שריפטן איז ניט געווען איין איינציק נאר אזוי ווי דער העכסטער גאט אין עגיפטישן פאליטעאיזם, דער עלטסטער גאט פון א געטער משפחה. (מאספערא „דער באגינען פון ציוויליזאציע״.)

די היסטארישע באווייזן, אז מאנאטעאיזם, זיטליכקייט און סאציאלער יושר האט תורת משה אנטוויקעלט און געגעבן צום פאלק ישראל, ניט די נביאים, זענען אין הסכם מיט דער מסורה. — די חכמי התלמוד האבן געהאט א מסורה פון שמואל הנביא, „אלה המצות — שאין נביא רשאי לחדש דבר מעתה״: אז א נביא האט ניט געטארט שאפן קיין נייע זאכן. (מגילה ב׳) און דעם פארבאט האבן די נביאים טאקי אפגעהיטן, — אכט און פירציק נביאים און זיבן נביאות זענען אויפגעשטאנען ביים פאלק ישראל און קיינער פון זיי האט ניט בייגעגעבן אדער אראפגענומען קיין איינציקווארט פון תורת משה. — (מגילה י״ד) ווער מען, פארשטייט זיך, פרעגן — וואס האבן די נביאים געטוען? די נביאים זענען אויפגעשטאנען צו שטראפן דאס פאלק ישראל, ווייל עס האט פארלאזט די דריי יסודות פון יידישן וועלט באנעם, געזינדיקט מיט „עבודה זרה״: פרעמדן געטער־דינסט, „גילוי עריות״: געשלעכטליכע אויסגעלאסענקייט „ושפיכת דמים״: מארד און רויב. די גמרא זאגט: אויב דאס פאלק ישראל וואלט ניט געזינדיקט, וואלטן מיר נאר געהאט די פינף חומשי תורה און דעם ספר יהושע, ווייל די פארטיילונג פון ארץ ישראל איז דארט פארשריבן, און ניט די ספרי נביאים. (נדרים כ״ב) אבער פון דער מסורה שיינט, אז שמואל הנביא האט אנגעדרינגען דאס פאלק ישראל זאל האבן מלכים צו באקעמפן עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכת דמים, ניט נביאים.

מערקווירדיק איז, וואס די געשיכטע שרייבער האבן אנגענומען, אז שמואל הנביא איז געווען אן אנטי־מאנארכיסט און עס ווייזט זיך ארויס דער היפוך. — עס איז פאראנען א מסורה, אז שמואל הנביא האט פארזאמעלט און אנגעשריבן דעם ספר שופטים, (בבא בתרא י״ד) און דער שרייבער פון ספר שופטים באטאנט ביי די לעצטע דראמאטישע געשעענישן, אז זיי האבן פאסירט מחמת עס זענען דעמאלט געווען שופטים, ניט קיין מלכים. ביי דער ערשטער געשעניש — ביים „פסל מיכה״: די פלאסטישע אפבילדונג געגאסן פון זילבער, צו וועלכער, די שבטים אפרים און דן האבן געדינט ביזן חורבן פון מלכות ישראל, האט דער שרייבער — שמואל הנביא — צוגעשריבן, „בימים ההם אין מלך בישראל איש הישר בעיניו יעשה״: אין די טעג איז ניט געווען קיין מלך אין ישראל, האט יעדער מענטש געטוען וואס עס איז געווען רעכט אין זיינע אויגן. (שופטים י״ז, י״ח) די צווייטע געשעניש — וועגן „פילגש בגבעה״ האט ער אנגעהויבן מיט „ויהי בימים ההם ומלך אין בישראל״: און עס האט פאסירט אין די טעג ווען א מלך איז ניט געווען אין ישראל, האבן אויסגעלאסענע



מענטשן פון שבט בנימין געשענדעט און פארפייניקט א פרוי צום טויט, וואס איז געקומען מיט איר מאן איבערנעכטיקן אין דער שטאדט גבעה אויפן וועג פון בית לחם צום הר אפרים. (שופטים י״ט) און ביי דער דריטער געשעניש — וואו עס ווערט דערציילט: ווען די אנדערע שבטים האבן געהערט וועגן דער שענדליכער פאסירונג זענען זיי צונויף געקומען אין מצפה און האבן פארלאנגט פון שבט בנימין, ער זאל ארויסגעבן די אויסגעלאסענע פון גבעה, וועט מען זיי דער׳הרגנען און אויסראטן די שלעכטקייט פון ישראל, איז דער שבט בנימן ארויס געגאנגען אין א מלחמה קעגן די אנדערע שבטים, זענען געפאלן פירציק טויזענט פון די שבטים און דער שבט בנימן איז כמעט גענצליך פארניכטעט געווארן, האט דער שרייבער — שמואל הנביא — צום סוף פון דער דערציילונג צוגשריבן „בימים ההם אין מלך בישראל איש הישר בעיניו יעשה״: ווייל אין די טעג איז ניט געווען קיין מלך אין ישראל האט יעדער מענטש געטוען וואס עס איז געווען רעכט אין זיינע אויגן. (שופטים כ״א) דערפון זעט מען, אז לויט דעם שרייבער פון שופטים — שמואל הנביא — האט מען אליין מיט דער הילף פון א מלך געקאנט באקעמפן ביים פאלק ישראל „עבודה זרה״: פרעמדן געטערדינסט, „גילוי עריות״: געשלעכטליכע אויסגעלאענקייט און „שפיכות דמים״: מארד און רויב.

די אנווייזונג פון שמואל הנביא, אז דאס פאלק ישראל דארף האבן א מלך, איז אויך אין הסכם מיט דער הלכה. — דריי מצות זענען געבאטן געווארן דעם פאלק ישראל מקיים צו זיין נאכן איינגעמען דאס לאנד כנען: צו וויילן א מלך, פארטיליקן עמלק׳ן און בויען א בית המקדש, דאס הייסט, די ערשטע מצוה איז געווען צו וויילן א מלך. (סנהדרין כ׳) דעריבער, אזוי ווי שמואל הנביא האט געוווסט אז דאס פאלק ישראל נויטיקט זיך אין א מלך און די ערשטע מצוה נאכן איינגעמען דאס לאנד איז געווען אויסצוווילן א מלך, פרעגט זיך — פארוואס האט שמואל הנביא פאראיבעל גענומען די עלטסטע פון ישראל ווען זיי האבן פארלאנגט פון אים ער זאל פאר זיי אויסזוכן א מלך צו משפט׳ן זיי אזוי ווי אלע פעלקער? זענען פאראנען צוויי מיינונגען וועגן דער פראגע אין דער גמרא, איינע איז — אז די עלטסטע האבן ריכטיק געפרעגט, א מלך צו משפט׳ן, און די עם הארצים זאלן האבן בייגעגעבן „ככל הגוים״: אזוי ווי אלע פעלקער, דערפאר האט זיי שמואל הנביא פאראיבעל גענומען. אבער פון די פסוקים אין ספר שמואל ווייזט זיך ניט ארויס אז די פראגע זאל האבן געקומען פון צוויי גרופעס, דעריבער איז מער סברא אנצונעמען די צווייטע מיינונג, אז די עלטסטע האבן שמואל הנביא באליידיקט, מיט דעם וואס זיי האבן צו אים געזאגט — „דו ביזט אלט און דיינע קינדער גיין ניט אין דיינע וועגן, איז דערפאר געקומען די צייט דו זאלסט איבער אונז מאכן א מלך צו משפט׳ן אונז אזוי ווי אלע פעלקער. (שמואל־א, ח׳, סנהדרין כ׳.)

מען דארף וויסן, אז שמואל הנביא האט געשטאמט פון שבט אפרים, לוי און אפרים — בן צוף אפרתי — צופ׳ס מיטער איז געווען פון שבט אפרים. (שמואל־א, א׳) און דער שבט אפרים איז דורות לאנג געווען דער מנהיג פון פאלק

ישראל. לויט דער מסורה האט יעקב אבינו געקרוינט דעם שבט אפרים צו זיין „ראש השבטים“ און „ראש הישיבה“ — אין שפּיץ פון די שבטים און פון פארשפרייטן תורה. (ויקרא רבה פ׳ ב־ג) יהושע בן נון, דער ערשטער מנהיג פון פאלק ישראל נאך משה רבינו, איז געווען דער נשיא פון שבט אפרים. (במדבר י״ג) ער האט זיך באזעצט אין דער נחלה פון זיין שבט אויפן הר אפרים, נאך דער דעראבערונג און צעטיילונג פון לאנד כנען צווישן די שבטים, און דער הר אפרים איז געווארן דער גייסטיקער און מיליטערישער צענטער פון פאלק ישראל. (יהושע י״ט) דבורה הנביאה, ווי אויך אנדערע שופטים האבן געמשפט דאס פאלק פון הר אפרים. (שופטים ד׳ און ה׳) די מלחמה פון אהוד בן גרא, פון דבורה הנביאה און אלע אנדערע מלחמות קעגן די כנענישע פעלקער, זענען לערך צוויי הונדערט פינף און דרייסיק יאר, ביז צו דער צייט פון גדעון ארגאניזירט געווארן אויפן הר אפרים. (שופטים ג׳ און ה׳) גדעון איז געווען דער ערשטער פון די שופטים, וואס האט ביים סוף פון זיין מלחמה קעגן מדין און עמלק געשיקט שליחים צו די איינוווינער פון הר אפרים זיי זאלן אים העלפן, זיי האבן אים געהאלפן און געהאט טענות צו אים, פארוואס ער האט זיי ניט געפרעגט ווען ער איז ארויסגעגאנגען אין דער מלחמה און פון שלום וועגן האט ער זיי גע׳חנפט . . . (שופטים ז׳ און ח׳) אבער ווי עס שיינט האבן זיי דעמאלט מער אין זינען געהאט דעם כבוד פון זיין די מנהיגים פון פאלק ישראל, ווי אוועק צו געבן זייער לעבן אין קאמף קעגן די אנפאלערישע כנענים. ווען יפתח האט ארום זעכציק יאר שפעטער געפירט א מלחמה און מנצח געווען די בני עמון, זענען די מענטשן פון אפרים געקומען צו אים און געוואלט פארברענען אים מיט זיין הויז געזינט, ווייל ער האט זיי ניט געפרעגט צו גיין מיט אים אין דער מלחמה. האט יפתח געזאגט צו זיי — ווען עמון איז אונז באפאלן האבן מיר געשריגן צו אייך און איר האט אונז ניט פארטיידיקט, קומט איר איצט זיך שלאגן מיט אונז, ווייל מיר האבן אייך ניט גערופן? איז ער זיי באפאלן מיט זיינע מענטשן פון גלעד, האט אויסגעהרגט פון זיי צוויי און פירציק טויזענט . . . (שופטים י״ב) און דערמיט איז געקומען דער סוף צו די פרעטענציע פון שבט אפרים פאר דער פירערשאפט איבער דעם פאלק ישראל.

(המשך קומענדיקן חודש)

שמואל ווהייט

## פ ר י ל י נ ג

מיין הארץ איז איבערפילט מיט פרייד,
היינט האט זיך נאטור ווידער באנייט,
ס׳שמייכעלט צו מיר יעדע בלום אין בוים,
דערציילן מיר פון פרילינג טרוים:
די פייגעלעך זינגען אזוי העל,
צעגיסן זיך מיט אַ זיסען טרעל,



דאפאדילן — מיט געלע קאלירן —
מיט טולפען שטאלצע ראמאנסירן.
און די זון שענקט א וואַרמען קיש
דעם הערליכן ניואַנסען געמיש.

## ד י

די לופט האט היינט געפליסטערט
מיט אַ ווייכער וואַרעמקייט.
האט אַ ליד אין מיר געזונגען,
וואס האט אזוי צאַרט געקלונגען.
מיר דערציילט פון רייכע ערהאבענהייט.

געפליסטערט האט לופטיק דער ווינט,
באזינגען דיך — מיין ליב קינד,
געפלאנצט ניי האפן, ניי גלויבן:
אין הערליכן זונענליכט געשוועבט —
האבן צוויי ליבליכע טויבען . . .

## די שלום עליכם-פאטאגראפיע

ס׳איז צו באַגריסן „די יידישע קולטור געזעלשאַפט“ פאַרן אַרויסגעבן די שלום עליכם־פּאָטאָגראַפּיע לכבוד דעם שלום עליכם־יאָר, אָבער נאָך מער איז צו באַווונדערן די שאַרפזיניקע דיפּלאָמאַטישע רייפקייט פון די פּאַרטיי־אָנפירער, פון אָט דער דערמאָנטער געזעלשאַפט. וואָרים אַנקוקנדיק דאָס קאַרטל, וועט אייך לגמרי נישט קומען אויפן רעיון, אז די קולטור־געזעלשאַפט זאָל האָבן חלילה, וועלכע נישט איז שייכות מיט יידיש. וואָרים דאָס איינציקע וואָרט מיט אותיות מרובעות איז דאָס העברעאישע וואָרט „שלום עליכם“ און דאָס אַלעס איבעריקע אַרום: דער מחמת וואָס־און צו וועלכן צוועק־און ווער עס האָט די פּאָטאָ פּראָדוצירט, דאָס אַלץ איז אויפן קאַרטל געשריבן — אויף ענגליש און מיט לאַטיינישע אותיות. נאַטירלעך שטעקט אַ סך חכמה אין אַזאַ גרויס־פּאָליטיק, אָבער — עס פּראָוויצירט, צו קליינלעכע מחשבות . . .

## „שווער צו זיין א ייד“

שיין וואָלטן מיר אויסגעזען דאָ, אַז מיר זאָלן וואַרטן ביז אונזערע געזעלשאַפטלעכע־און קולטור־אינסטיטוציעס וועלן זיך אויספּאָרען, בכדי צוצוגרייטן די פייערונגען צום שלום עליכם־יאָר. ביז וואָס, ווען, וואָלט שוין געווען עליכם שלום, עס וואָלט שוין געווען „פּאָ כופּיע“, אויב נישט — שוין עליו השלום.

דער באַרג איז טאַקע גרויס, כ׳מיין די קופּע פון אונזערע קולטור־אינסטיטוציעס, און מיר דערוואַרטן שוין מיט אומגעדולד די שעה מצלחת פונם פאַרשפּעטיקטן ערשט־געבורט, ס׳זאָל נאָר נישט געבוירן ווערן אַ שיפּע זיבעלע —

אין אונזער פּאַרשפּעטיקטע מדינה איז אַלץ מעגלעך, אפילו אַ פּאַרשפּעטיקט זיבעלע...

קומט טאַקע אַ גרויסן יישר־כוח דעם יידישן טעאַטער גרענד־פּאַלעי, וואָס זיי גייען אָן מיט שלום עליכמס טעאַטער שטיק „שווער צו זיין אַ ייד", שוין די 5׳טע וואָך. זיי האָבן אויפגעוועקט דערמיט נישט נאָר די יידישע גאַס, נאָר די גוטע רעצענזיעס איבער זייער פיינעם שפּילן אין דער ענגלישער פּרעסע מאַכן וואָך נישט בלויז די ליטעראַריש געמיטער צווישן די יהודים, נאָר אפילו גאַנצע גויים נעמען זיך אַלץ מער און מער צו באַווייזן ביי די פאַרשטעלונגען פון „שווער צו זיין אַ ייד".

## מצווה גוררת מצווה

אויב מען קומט איבער די ערשטע שוועריקייט ווערט דערנאָך שוין אַלץ גרינג. און טאַקע אויב מ׳האָט אַזאַ אַקטריסע ווי חנהלע צעלניקער, פאַר וואָס זיך נישט אַ שפּיל טון אין „מירעלע אפרת". נו, האָט מען טאַקע אַ פּרווו געטון!

שוין ביים אויפטריט פון יעדן איינעם האָט מען געזען זייער הכנה דערצו און זייער פאַרטיפטע כוונה; נישט אין גרים זיינען זיי — זייערע פּנימער האָבן ממש באַקומען פאַרגייסטיקטע צורות. די נעכטיקע „בוף"־קאָמיקער זיינען געוואָרן קרעאַטיווע קינסטלער. און נישט קיין וווּנדער, האָט דאָך „מירעלע אפרת" די אסתר רחל־טראַדיציע אין זיך, עפּעס אַזוינס וואָס יעדער אַקטיאָר דערפילט עס מיט זיין זעקסטן חוש.

אָבער די לעצטע סצענע, די באַגעגעניש פון די באָבען מיטן אייניקל, האָט זיך אליין איבערטראָפן, ס׳איז ממש געווען אַ רעליגעזער אַקט. וואָרים אַ חוץ די אסתר רחל־טראַדיציע, דאָס גאַנץ אויסשפּילן דעם מירעלע אפרת־כאַראַקטער, האָט חנה צעלניקער דערפילט, די טראַגעדיע אונזערע דאָ פון מאַמע און קינד, — די פאַרפרעמדקייט און לייִדיקייט! און די איינציקע האָפענונג אונזערע, איז די תמימותדיקע קינדלעכע באַגעגעניש פון באָבע און אייניקל. און חנהלע צעלניקער, און מיט איר די גאַנצע קאָמפּאַניע, האָבן עס אין דער סצענע ממש סימבאָליש דערפילט אויסגעשפּילט, און אויסגעפּולט דערמיט די גאַנצע בינע.

ש.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַזייגער)

שבת, דעם 4׳טן אַפּריל — נחמיה צוקער: דער אויפבליענדיקער קולטור־יישוב פון יידישלעכן באָנעס־איירעס.

שבת, דעם 11׳טן — בעלא ווײַנער, אַ גרוס פון די דרום־אַמעריקאַנישע יידישע ישובים.

שבת, דעם 18׳טן שבת־הגדול פּראָגראַם: פּרצעס פּסח־דערציילונגען און שלום עליכמס פּסח־הומאָרעסקעס.

שבת, דעם 25׳סטן חומ"פ די טראַדיציאָנעלס פּרץ־יאָרצייט.

שבת, דעם 2׳טן מאַי — פרילינג־פּאָעזיע פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג.

# לאנדאנער קולטור ידיעות

דעם 2׳טן מערץ, אין געבוירנטאָג פון שלום עליכם׳ן, האָט „פריינט פון יידיש לשון" צוזאַמען מיט „די יידישע קולטור־געזעלשאַפט", געפייערט דעם 100 געבוירנטאָר פון גרויסן קלאַסיקער, מיטן אויפפירן זיין דראַמע „שווער צו זיין אַ ייד". דאָס טעאַטער איז געווען פול געפּאַקט מיט אַ יום־טובדיקן עולם. י. שינדלער האָט געעפנט די פייערונג, גערעדט האָבן אין נאָמען פון די אַקטיאָרן לעאָן בלומענזאָס און האַרי אריעל, פון פריינט פון יידיש לשון — י. ביעטש און א. נ. שטענצל.

• • •

מיטוואָך, דעם 11׳טן מערץ, האָט פריינט פון יידיש לשון געפייערט ביי געדעקטע טישן אין אַדלער־האָל דעם שלום־עליכם יובל. גערעדט האָבן י. ביעטש, מאָריס מינדעל, געלייענט שלום עליכמ׳ס הומאָרעסקעס — בעלא ווײַנער, נעט רובין געזונגען שלום עליכמס לידער מיס הייעמס, און אליהו פּאַלושאַק, מאיר באָגדאַנסקי האָט געזונגען פאָלקס לידער. פאָרזיץ א. נ. שטענצל.

• • •

דעם 22׳טן מערץ איז בן אורי פאָרגעקומען די שלום עליכם־פייערונג — געלייענט שלום עליכמס דערציילונגען האָט מנשה ווייסגראַז און אייזיק גאָלדבערג, מאיר באָגדאַנסקי האָט געזונגען שלום עליכמס לידער.

• • •

די „ווייטשעפּעלע לייבערי" האָט לכבוד דעם שלום עליכם־יובל אויסגעשטעלט אַ פענסטער אין דער אָפענער גאַס אַרויס מיט שלום עליכמס ביכער, אין יידיש העברעאיש און ענגליש, עס פּערפּוצט מיט פאַרשידענע אויסרופן און בילדער און צייכענונגען פון שלום עליכם — עס מאַכט זייער אַ פיינעם איינדרוק, און טויזנטער מענטש וואָס גייען פאַר ביי שטעלן זיך אָפּ צו באַקוקן. עס קומט אַ יישר כוח דעם לייבעריען, גרויסמאַן, פאַר דעם פיינעם איינפאַל.

• • •

די „דזשואיש קראָניקל" האָט אין דער וואָך פון געבוירנטאָג פון שלום עליכם אַ רויס־געגעבן אַן עקסטערע ביילאַגע לכבוד דעם יידישן קלאַסיקער.

• • •

ביים שבת נאָכמיטאָג, פון מאָטקי חב"ד, מרדכי ראַקאָווער ביז מאָטל פייסי דעם חזנס האָבן גערעדט מ. מינדעל, משה דאָמב א.א.

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט פאַררופן אַ זיצונג פון אַלע קולטור־אינסטיטוציעס אין לאָנדאָן, אונטערן פאָרזיץ פון דר. אהרן שטיינבערג, און ס׳איז געווילט געוואָרן אַ יובל־קאָמיטעט צו פייערן דעם 100׳סטן געבוירן יאָר פון שלום עליכם אין לאָנדאָן, און אין אַלע גרעסע שטעט אין ענגלאַנד. פאָרזיצער פון קאָמיטעט איז ח. הלוי.

• • •

אין רידינג־רום האָט שלמה אויערבאַך געהאַלטן אַ פאָרטראַג איבער שלום עליכם. דעם פאָרזיץ האָט געפירט א. מ. קייזער.

• • •

י. א. ליסק איז געווען דער גאַסט־רעדנער ביי דער שלום עליכם־פייערונג אין פאַריז.

• • •

די אויסשטעלונג פון יידישע ביכער איינגעאָרדנט פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. עס האָבן גערעדט ביי דער דערעפענונג דר. יעקב מייטליס און יוסף לעפטוויטש און י. פּאַדראָ.

• • •

נחמיה צוקער, אויף זיין רייזע פון באָנעס איירעס קיין ישראל, ווײַלט אייניקע טעג דאָ ביי אונז אין לאָנדאָן. מיר פרייען זיך פון דעם חשובן גאַסט צו הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון בליענדיקן יידישן יישוב אין דרום אַמעריקע.

• • •

דוד זעלצער, אויף זיין נסיעה קיין ישראל פון ניו־יאָרק האָט געווײַלט דאָ ביי אונז אייניקע טעג. דער חשובער גאַסט האָט זיך באַקענט מיט די לאָנדאָנער חברים.

• • •

אויפן קבלת־פּנים־באַנקעט לכבוד רבי דר. קאָפּעל כהנא, צוריקקומענדיק פון זיין נסיעה פון ישראל צוזאַמען מיט זיין פרוי, האָבן גערעדט צווישן אַנדערע, משה מעדערמאַן, פּרעזידענט פון דעם פעדערייִשן, נייטן ראַבינאָוויטש, פּרעזידענט פון בית ציון. דעם פאָרזיץ האָט געפירט מר. מאנדעלבוים.

• • •

די בית־ציון און וויצ"א אין ווייטשעפּל האָבן אויף אַ גאָר שיינעם אופן געפייערט שמחת־פּורים אין קאָמערשל ראָד־שול. מ׳האָט געגעסן פּורים־מאכלים, געזונגען האָבן העברעאישע און יידיש לידער מיס כהן און מיס גאַרבאַטש. נייטן ראַבינאָביטש האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

209

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטי־

נומער 6־5 (העפט 3־332)    צוואַנציקסטער יאָ־גאַנג    מאי־יוני 1959 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

מכוח די שפּיצן פון דער זשעני־עווער קאָ:פערענץ, דער וולאַדימיר־קרייץ,
צייט־אַלעגאָריע ........ °° 1
מיסטער קלאַמער (פראַגמענט פון „די בלאָנדזשענדיקע שטערן“)
שלום עליכם 11
אַ וואָרט צו שלום־עליכמ׳ס האַרציקן געלעכטער (עסיי) ........ י. ביעטש 13
אַ פיינלעכער אינצידענט מיט אָסיף דימאָוו ע.ה. ........ ש. י. האַרענדאָרף 16
מיניאַטור ........ ש. טענענבוים 18
דער שמייכל (באַלאַדע פון לעצטן ראַדאַמסקער רבין), אויף שמאָלער
סטעשקע ביים ברעג, ווייטשעפּל, לכבוד שבועות ........ א. נ. שטענצל 19
די היסטאָרישע מיסיע פון די נביאים (המשך) ........ י. ריכטיקער 33
מאמרים, נאָטיצן און טראַכטענישן (עסיי) ........ יחזקאל בראָ:שטיין 36
פון יידישן קולטור־פראָנט ........ מ. אַלמאַן 40
וואַנקאַ (פּאָעמע) ........ ש. זאַלקין 42
די לאָ:דאָנער „כשרות קאָמיסיע לערנט מיט די ענגלישע יידן אַ טריפהנעם
יידיש ........ ש. י. ה־ף 43
אונזער גאָלד דעקונג ........ ש. 44
לאָנדאָנער קולטור־ידיעות ........ 48
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 48

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־
מענט אַפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַ:בעט.

דער פורים־פייערונג פון שרייבער פעראיין איינגאָרדנט אין דער קאַמערשל סינאַגאָגע איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. עס האָבן גערעדט ש. י. האַרענדאָרף א. חנן, א. מ. קייזער. דער קאָנצטערט־טייל איז באַשטאַנען פון יידישע פאָלקס לידער און יידישע מעלאָדיעס. אויסגעפירט פון מיס ראָלאַנד און דאָ טריאָ פון די פאַמיליע לעקער.

• • •

דער שרייבער פעראיין האָט אַרויסגעשיקט אַן איינלאַדונג פאַר אריה שמרי קיין פאַריז, וועלכער איז דאָרט אויף אַ באַזוך פון ישר־אל. מיר דערוואַרטן דעם חשובן גאַסט בקרוב אין לאָנדאָן.

• • •

אויפן פורים־קאָנצערט פון דער נאָרד לאָנ־דאָן פועלי ציון האָט י. ח. קלינגער גערעדט איבער שלום עליכמען און געלייענט שלום עליכמס „שלח מנות“. מיס ראָלאַנד האָט געזונגען יידישע און העברעאישע לידער.

• • •

צו די שלושים פון זלמן שניאור ע.ה. ביי אָונט איינגעאָרדנט פון יידיש וועלט־קאָנגרעס און שרייבער פעראיין האָבן גערעדט שלמה אויערבאַך, י. פרענקעל, א. נ. שטענצל.

רעוו. דוד ניומאַן האָט געמאַכט די הזכרה, פאָרזיץ — א. מ. קייזער.

• • •

דער טראַדיציאָנעלער פורים־באַל וואָס פריינט פון יידיש לשון אָרדנט איין אַלע פורים, איז דאָס מאָל אויך אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

• • •

אויף די פורים פייערונג פון דעם פועלי־ציון אין ווייטשעפּעל, האָט חזן רעוו. העל־פאַנט געזונגען יידישע פאָלקס לידער און אייגענע קאָמפּאָזיציעס. ביי דער פיאַנאָ, חזן רעוו. בריל.

• • •

אַ גלעזל טיי פאַר מאיר גראָסמאַנען וועלכע ווײַלט איצט אין לאָנדאָן, איינגעאָרדנט פון דער יידישער אַגענץ, שרייבער־פעראיין און יידישן וועלט־קאָנגרעס. מאיר גראָסמאַן: „ווי זעט איצט אויס דאָס אַמעריקאַנישע יודנטום“. באַגריסונגען דר. ש. לעווענבערג, דר. א. שטיינבערג. פאָרזיץ א. מ. קייזער.

• • •

דוד דיינאָוו פון דרום אַפריקע איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין לאָנדאָן. מיר זאָגן דעם חשובן גאַסט אַ ברוך־הבא.

„די אידישע שטימע“
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1.    Phone: BIS. 9804

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*
IMPORT - - EXPORT
518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*